NEW

# לקוטי שיחות

SUKKOS חג הסוכות

VOLUME 2, P. 417-432

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# SUKKOS I | חג הסוכות א

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Sukkos, 5716 (1955)

## Introduction

The Festival of Sukkos is a Divine embrace.[1] Like a person who joyously hugs his beloved, Sukkos is the time when G-d's joy and love encompass the Jewish people entirely, enveloping every element of their being.

This is reflected in the actual observance of the *mitzvah* of *sukkah*. All of the other *mitzvos* are associated with a specific limb or organ of the body, or with carrying out a given activity. On Sukkos, we do not just carry out a *mitzvah* – we literally enter it. Our entire body is taken in by the *sukkah*.

As a result, during this festival, every aspect of our lives becomes a *mitzvah,* a dimension of our bonding with G-d. While in the *sukkah,* our eating, drinking, relaxing – everything that we would do in our homes[2] – serves as an expression of our connection to Him. This prepares us to carry out the charge,[3] "Know G-d in all your ways," throughout the entire year to come.

---

1. *Pri Eitz Chayim, Shaar Chag HaSukkos,* ch. 4.

2. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch,* sec. 639:1, 4.

3. *Mishlei* 3:6; *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 231.

# Bringing G-dliness into Every Aspect of Our Lives

## Encompassing the Entire Festival

**1. There are several *mitzvos* associated with the festival of Sukkos aside from the *mitzvah* of dwelling in the *sukkah* – for example, the *mitzvah* of the four species. Nevertheless, the festival derives its name from the *mitzvah* of dwelling in the *sukkah.***

**One of the reasons for this is that the *mitzvah* of dwelling in the *sukkah* is connected with the entire festival. This reflects an advantage it possesses over the *mitzvah* of the four species. From the very moment the festival begins, the *mitzvah* of dwelling in the *sukkah* applies. By contrast, even in the *Beis HaMikdash*,** where the Scriptural **obligation of taking the four species** applied throughout all seven days of the festival,[1] the *mitzvah* did not **begin** until **the morning** of the first day.

**Moreover, not only does the *mitzvah* of dwelling in the *sukkah* begin at the very first moment of the festival, preparations for it are necessary even before the festival.** We are compelled to say so because a ***sukkah*** requires a minimum of **three walls – or four walls, according to our custom.**[2] Now, the *sukkah* must be **constructed** for the sake of the *mitzvah;* in other words, using the material that covers the roof, the *schach,* **of an existing structure** is **not** acceptable.[3] Furthermore, the covering of the *sukkah* **cannot be done on the festival but must instead be prepared before the festival and,** indeed, **constructing a *sukkah***

א. אִין חַג הַסֻּכּוֹת זַיְינֶען פַּאַראַן כַּמָּה מִצְווֹת, אוֹיסֶער מִצְוַת יְשִׁיבַת סֻכָּה. פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן דֶער יוֹם טוֹב עַל שֵׁם סֻכּוֹת אוּן נִיט אוֹיפְן נָאמֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע מִצְווֹת, ווִי מִצְוַת נְטִילַת ד׳ מִינִים וכו׳.

אֵיינֶער פוּן דִי טַעֲמִים אִיז, ווַיְיל עֶס אִיז דָא אַ מַעֲלָה אִין מִצְוַת יְשִׁיבַת סֻכָּה אוֹיף נְטִילַת ד׳ מִינִים, ווָאס מִצְוַת סֻכָּה אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט כָּל יְמֵי הַחַג. דֶער גַאנְצֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער רֶגַע מִשֶּׁקִּדֵּשׁ הַחַג, אִיז שׁוֹין פַּאַראַן דִי מִצְוָה פוּן יְשִׁיבַת סֻכָּה, אָבֶּער בַּיי נְטִילַת ד׳ מִינִים, אֲפִילוּ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הוֹיבְּט זִיךְ אָן זֵייעֶר חִיּוּב עֶרְשְׁט אִין דֶערְפְרִי.

נָאךְ מֶערֶער אִיז אִין מִצְוַת יְשִׁיבַה בַּסֻכָּה, אַז נִיט נָאר ווָאס דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט מִשֶּׁקִּדֵּשׁ הַחַג, נָאר עֶס מוּז זַיְין אַ הֲכָנָה צוּ דֶעם פוּן פַאר סֻכּוֹת. ווָארוּם עֶס אִיז דָאךְ אַ בִּנְיָן פוּן ג׳ דְּפָנוֹת, אָדֶער כְּמוֹ מִנְהָגֵנוּ[א], ד׳ דְּפָנוֹת, אוּן דַוְקָא תַּעֲשֶׂה וְלֹא מִן הֶעָשׂוּי, קֶען מֶען דָאךְ דָאס נִיט טָאן אוּם יוֹם טוֹב, נָאר מֶען מוּז עֶס צוּגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין עֲשִׂיַּת הַסֻכָּה אִיז שׁוֹין

---

1. By contrast, even in the era of the *Beis HaMikdash* – and how much more so, in the present age – outside the *Beis HaMikdash*, the *mitzvah* of the four species is a Scriptural obligation only on the first day. It is fulfilled on all seven days of the holiday only according to Rabbinic Law (*Tur* and *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 658:1).

2. ***Rama, Orach Chayim* 630:5.**

3. *Sukkah* 11b.

is a *mitzvah* in and of itself.[4] **By contrast, the entire fulfillment** of the *mitzvah* of **the four species,** including its preparations, **can be carried out on the festival.**

דָא אַ מִצְוָה[ד]. אָבֶער בַּיי ד׳ מִינִים קֶען זַיְין אַז דֶער גַאנְצֶער טָאן זָאל זַיְין אוּם יוֹם טוֹב.

**There is another difference between** the *mitzvah* of **the** ***sukkah*** **and the four species.** The fulfillment of the *mitzvah* of **the four species is limited.** Each day of the festival, **once a person carries out this** ***mitzvah*****, he is exempt from** fulfilling **it** again that day. **By contrast,** it is said[5] concerning **the** ***mitzvah*** **of** dwelling in a *sukkah*, **"You must dwell** [in the ***sukkah***] **as you reside** [**in your home**]**,"** leading to the inference that **there is no concept of concluding the fulfillment of the** ***mitzvah*****.** For example, even if one already ate in the *sukkah* that day, whenever he desires to eat, he must eat in the *sukkah* again. Indeed, the *mitzvah* **endures throughout the duration of the festival, beginning from the very inception of the holiday** and continuing **throughout the festival until its end.**

נָאךְ אַ חִילוּק אִיז דָא צְווִישְׁן סֻכָּה אוּן ד׳ מִינִים, אַז דִי ד׳ מִינִים הָאבְּן אַ הַגְבָּלָה, נָאכְדֶעם וִוי מֶען הָאט אָפְּגֶעטָאן דִי מִצְוָה אִיז מֶען שׁוֹין פָּטוּר פוּן אִיר, אָבֶער מִצְוַת יְשִׁיבַת סֻכָּה, ווָאס דִי מִצְוָה אִיז תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ[ה], אִיז דָאךְ נִיט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטָאן דִי מִצְוָה, נָאר זִי צִיט זִיךְ בְּמֶשֶׁךְ כָּל יְמֵי הַחַג.

מִצְוַת יְשִׁיבַת סֻכָּה הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִשֶּׁקִּדֵּשׁ הַחַג עַד כְּלוֹת כָּל יְמֵי הַחַג.

## When One's Private Affairs Become a *Mitzvah*

2. **The** ***mitzvah*** **of** dwelling in the ***sukkah*** possesses **another advantage over all the other** ***mitzvos*****, including the** ***mitzvah*** **of taking the four species.**

ב. נָאךְ אַ מַעֲלָה פוּן מִצְוַת סֻכָּה אוֹיף אַלֶע מִצְווֹת, אוֹיךְ אוֹיף מִצְוַת נְטִילַת ד׳ מִינִים:

**All the** other ***mitzvos*** **are specific in nature, involving particular aspects of the person** who fulfills them. **He fulfills certain** ***mitzvos*** **with one limb and other** ***mitzvos*** **with other limbs. No other** ***mitzvah*** **encompasses a person and all aspects** of his life **entirely. By contrast, the** ***mitzvah*** **of** ***sukkah*** involves **"dwell[ing in the** ***sukkah***] **as you reside** [**in your home**]**,"** and thus encompasses **every element** of a person's life. **He carries out** all **his personal** affairs inside the *sukkah,* including private matters involving his own **needs.** He performs **the same activities which he did a week ago, but now, when he carries them out in a** ***sukkah*****, he thereby fulfills a** ***mitzvah*****.**

אַלֶע מִצְווֹת זַיְינֶען עִנְיָנִים פְּרָטִיִּים, זֵיי נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטשְׁן אִין עִנְיָנִים פְּרָטִיִּים. דִי מִצְוָה טוּט עֶר מִיט דֶעם אֵבֶר אוּן דִי מִצְוָה טוּט עֶר מִיט אַן אַנְדֶער אֵבֶר, אָבֶער עֶס נֶעמְט אִים נִיט אַרוּם אִין אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים. אָבֶער מִצְוַת סֻכָּה, תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ, אִיז דָאךְ אַלֶע עִנְיָנִים ווָאס עֶר טוּט, עֶר טוּט גָאר זַיְינֶע צְרָכִים פְּרָטִיִּים, דִי זֶעלְבֶּע עִנְיָנִים ווָאס עֶר הָאט גֶעטָאן מִיט אַ ווָאךְ צוּרִיק, אִיז הַיְינְט אַז עֶר טוּט זֵיי אִין סֻכָּה אִיז עֶר מְקַיֵּים דֶערְמִיט אַ מִצְוָה.

---

4. **See** ***Rashi, Makkos*** **8a, and the Alter Rebbe's** ***Shulchan Aruch*** **641:1,** which states that although constructing the *sukkah* is a *mitzvah,* or at least an element of a *mitzvah*, a blessing is not recited over it because **"Constructing** [the ***sukkah***] **is not the consummation of the** ***mitzvah,*** **for the fundamental element of the** ***mitzvah*** **is dwelling in it."** See *Likkutei Sichos,* Vol. 29, p. 496.

5. ***Sukkah*** **28b; the Alter Rebbe's** ***Shulchan Aruch*** **639:1.**

**Moreover, there is a well-known statement of our Sages,[6] "Any man who does not possess a home is not a man." In other words,** if a person does not have a home, **he is lacking fulfillment as a man because a man must have a home in which to dwell. His home endows him** with this fulfillment **not only when he is at home, but even when he is in the market place. Since he has a home in which to dwell, he is a man.**

נָאךְ מֶערֶער: עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער מַאֲמַר רַזַ"ל[ו], כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ בַּיִת אֵינוֹ אָדָם, דָאס הֵייסְט עֶס פֶעלְט אִים אִין דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אָדָם, ווָארוּם אַן אָדָם מוּז הָאבְּן אַ דִירָה לָשֶׁבֶת בָּהּ. אִיז דָאךְ דִי מַעֲלָה וואָס עֶר הָאט אַ דִירָה מֵיינְט דָאס נִיט דַוְקָא ווֶען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין דֶער דִירָה, נָאר אֲפִילוּ ווֶען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ בַּשּׁוּק, אִיז דֶערְמִיט וואָס עֶר הָאט אַ דִירָה לְמוֹשָׁבוֹ, אִיז עֶר אַן אָדָם. בְּמֵילָא בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט סֻכּוֹת, וואָס דִי מִצְוָה אִיז תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ, אִיז בְּמֶשֶׁךְ דִי זִיבְּן טֶעג זַיְין דִירָה דִי סֻכָּה, וואָס דֶערְמִיט אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן זַיְין אָדָם. אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אֲפִילוּ בְּשַׁעַת עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נִיט אִין דֶער סֻכָּה, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר הָאט קוֹבֵעַ גֶעווֶען דִי סֻכָּה לְדִירָתוֹ, אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט אִיז עֶר פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶער מִצְוָה פוּן סֻכָּה.

**During Sukkos, the *mitzvah* is to "dwell [in the *sukkah*] as [one] resides [in his home]." As such, throughout these seven days, dwelling in the *sukkah* is what** endows him with **fulfillment as a man. Accordingly, even when he is not in the *sukkah*, since he established the *sukkah* as his dwelling, he is connected with the *mitzvah* of *sukkah*.**

## Making Every Aspect of Our Lives G-dly

**3. The month of Tishrei is a comprehensive month,[7]** impacting **the entire year. Consequently, it is understood that all the *mitzvos* of the month of Tishrei provide us with lessons for our Divine service throughout the entire year. The *mitzvah* of *sukkah* teaches** the following lesson:

ג. חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אִיז דָאךְ אַ חֹדֶשׁ כְּלָלִי[ז] עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ, מִמֵּילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז אַלֶע מִצְוֹות פוּן דֶעם חֹדֶשׁ זַיְינֶען אַ הוֹרָאָה בַּעֲבוֹדָה עַל כָּל מֶשֶׁךְ הַשָּׁנָה. דִי הוֹרָאָה פוּן מִצְוַת סֻכָּה אִיז:

**It is asked of a Jew to "know G-d in all your ways,"[8]** meaning **that all of his affairs should be connected with G-d. He should serve G-d not only when he studies the Torah or involves himself in the Divine service of prayer, but also when he is involved in mundane activities.** Even **these ordinary matters must be connected with G-d. The power and the strength to** carry out **such service** is made possible by the *mitzvah* of *sukkah*.

מֶען מָאנְט בַּיי אַ אִידְן עֶס זָאל זַיְין בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ[ח], אַז אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים זָאלְן זַיְין פַארְבּוּנְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. נִיט נָאר בְּשַׁעַת לִימּוּד הַתּוֹרָה וַעֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה זָאל עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, נָאר אֲפִילוּ בְּשַׁעַת עֶר הָאט גָאר צוּ טָאן מִיט עוּבְדִין דְּחוֹל, דַארְף עֶר דִי עוּבְדִין דְּחוֹל גּוּפָא פַארְבִּינְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶעם כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקַיְיט אוֹיף דֶעם נֶעמְט מֶען פוּן דֶער מִצְוַת סֻכָּה.

---

6. See *Yevamos* 63a, as understood by *Tosafos*, s.v. *she'ein*.

7. *Vayikra Rabbah* 29:8.

8. *Mishlei* 3:6; *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 231.

The *mitzvah* of *sukkah* is so all-encompassing that **even when one sleeps in a *sukkah*, he is carrying out G-d's *mitzvah*.**[9] Moreover, **even when he is not in the *sukkah*, he** remains **connected with the *mitzvah*. The power and the strength** to serve G-d in such a comprehensive manner **throughout the year, dedicating all one's affairs to G-d, is derived** from the *mitzvah* of *sukkah*.

בַּיי דֶער מִצְוָה פוּן סֻכָּה אִיז דָאךְ אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁלָאפְט אִין דֶער סֻכָּה אִיז עֶר מְקַיֵּים אַ מִצְוָה פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ גָאר נִיט אִין סֻכָּה, אוֹיךְ דֶעמָאלְט אִיז עֶר פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶער מִצְוָה, אוּן פוּן דֶעם דַארְף עֶר נֶעמֶען כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקַייט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אַז אִין אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים זָאל עֶר זַיְין מְשֻׁעְבָּד צוּ אֱלֹקוּת.

## An Interactive Relationship

**4. The Talmud**[10] **describes the *mitzvah* of *sukkah* as an "easy *mitzvah*."** It is given this title **because when a Jew establishes a firm stance – that no matter what happens, he is a servant of the King, the King of kings, the Holy One, blessed be He – it is easy for him to carry out his** day-to-day activities, including those associated with his **physical needs as expected of him,** i.e., in such a manner **that** they **should** all become elements of G-d's **dwelling in the lower realms.**

**And when he makes all of his matters** elements of **G-d's dwelling,** blessing from G-d's **ample** and generous **hand will be brought down for him in everything that he needs,** including **children, health, and sustenance in abundance.**

ד. דִי גְמָרָא רוּפְט אָן דִי מִצְוַת סֻכָּה מִיטְן נָאמֶען מִצְוָה קַלָּה[ז].

וָוארוּם בְּשַׁעַת אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק מִיט אַ תּוֹקֶף, זָאל זַיְין וָואס עֶס וֶועט זַיְין, אִיךְ בִּין אַן עֶבֶד לְמֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, דֶעמָאלְט אִיז אִים לַייכְט דוּרְכְצוּפִירְן, אַז אוֹיךְ זַיְינֶע צְרָכִים הַגַּשְׁמִיִּים זָאלְן זַיְין כִּדְבָעֵי לְמֶהֱוֵי, אוּן עֶר מַאכְט אוֹיךְ בַּתַּחְתּוֹנִים אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

אוּן בְּשַׁעַת עֶר מַאכְט פוּן אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים אַ דִירָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְט נִמְשָׁךְ אִין אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים מִיָּדוֹ הָרְחָבָה בְּכָל הַמִּצְטָרֵךְ לוֹ בְּבָנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי.

---

9. See *Likkutei Sichos,* Vol. 29, p. 211ff., which clarifies the Lubavitch custom of not sleeping in the *sukkah*.

**10.** ***Avodah Zarah*** **3a.**

---

א) שולחן ערוך אורח חיים סימן תרל סעיף ה בהגה.

ב) זע רש״י מכות ח, א. שולחן ערוך אדמו״ר הזקן ריש סימן תרמא: עשייתה אינה גמר המצוה שעיקר המצוה הוא לישב בה.

ג) סוכה כח, ב. שולחן ערוך אדמו״ר הזקן תרלט, א.

ד) יבמות סג, א תוספות ד״ה שאין.

ה) ויקרא רבה פרשה כט, ח.

ו) משלי ג, ו. שולחן ערוך אורח חיים סימן רלא.

ז) עבודה זרה ג, א.

# SUKKOS II | חג הסוכות ב

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Sukkos, 5716 (1955)

## Introduction

Our Sages[1] associate the rejoicing of Sukkos with the verse,[2] "You shall draw water with rejoicing from the wellsprings of salvation." With that verse, they highlight the inner dimension of this rejoicing.

By and large, people think of happiness as coming from the outside, something that must be pursued and acquired – everything that money can buy – various types of food or drink, activities that test human limitations, or grand events. But all these, and whatever else people seek in the hopes of attaining happiness, are external – a means to derive joy from something else.

A wellspring flows up from the depths. True happiness wells up from within us, from within our own inner core – and that is why it endures.

On Rosh HaShanah and Yom Kippur, we plumb to the depths of our souls, our inner wellsprings, touching the point within us that takes us beyond ourselves and into a relationship with G-d. On Sukkos, the intensity of that relationship erupts in boundless joy. We rejoice in our bond with G-d and our bond with our fellow Jews. That joy serves as "a wellspring of salvation," bringing success and prosperity to every dimension of our lives.

---

1. See *Sukkah* 48b, *et al.*

2. *Yeshayahu* 12:3.

# Drawing From the Source

## "From the Wellsprings of Salvation"

1. **The celebrations of** *Simchas Beis HaShoeivah* are associated with the verse,[1] **"You shall draw water with rejoicing from the wellsprings of salvation."** The verse **implies that the water poured over the Altar had to be drawn from a flowing spring. According to** ***nigleh,*** **the** largely **legalistic** **dimension of Torah study, this requires explanation:** ***Rambam***[2] **rules that if it was not possible to draw water from the Shiloach Spring,**[3] **the water** for the libation could **be taken from the basin** in the courtyard of the *Beis HaMikdash,* and **the water of the basin was not** ***halachically*** **categorized as spring water. Furthermore,** although **water from a** ***mikveh*** is not spring water, it **was acceptable** for use in **the basin, and thus also** acceptable **for the water libation.**[4]

**Accordingly, it is necessary to say that the** verse is teaching **that it does not matter where the water is taken from – whether from a wellspring or another source. What is of primary importance is that the water be drawn "with rejoicing" and, as a result, it becomes "the wellsprings of salvation" as a matter of course.**

א. אוֹיף שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה שְׁטֵייט[ח], וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה. דָאס הֵייסְט, אַז דִי וַואסֶער וָואס מֶען פְּלֶעגְט שֶׁעפְּן צוּלִיב נִסּוּךְ הַמַּיִם עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ, הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיְין פוּן מַעְיָנוֹת. עַל פִּי נִגְלֶה אִיז דָאס נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: וָוארוּם דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקֶ'נְט[ט] אַז אוֹיב מֶען הָאט נִיט גֶעקֶענְט קְרִיגְן פוּן מֵי הַשִּׁלוֹחַ פְּלֶעגְט מֶען נֶעמֶען וַואסֶער פוּן כִּיּוֹר, וָואס דֶער כִּיּוֹר הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין דִין פוּן מַעְיָן. נָאכְמֶער - מֵי מִקְוֶה זַיְינֶען כָּשֵׁר לַכִּיּוֹר, וּבְמֵילָא עַל פִּי זֶה אוֹיךְ לְנִסּוּךְ[י].

דַארְף מֶען זָאגְן דֶעם פְּשַׁט, אַז עֶס אִיז נִיט קֵיין נַפְקָא מִנָּהּ, פוּן וַואנֶען מֶען הָאט גֶעשֶׁעפְּט דִי וַואסֶער, צִי פוּן מַעְיָנוֹת אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶער אָרְט. דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיְין וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט בְּמֵילָא מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה.

## The Contrast Between a *Mikveh* and a Wellspring

2. **The** *halachic* **advantage of the water of a wellspring over other water is twofold:**

**a) Even a wellspring of the most minimal volume imparts ritual purity.**[5] By contrast, **other water**

ב. דִי מַעֲלָה פוּן מֵי מַעְיָן אוֹיף אַנְדֶערֶע וַואסֶער אִיז: א) מַעְיָן אִיז מְטַהֵר בְּכָל שֶׁהוּא[יא]. אַנְדֶערֶע וַואסֶער

---

1. ***Yeshayahu*** **12:3.** See *Sukkah* 48b, *et al.*

2. *Rambam,* ***Hilchos Temidim U'Musafim*** **10:10.**

3. A flowing stream located close to the *Beis HaMikdash.*

4. This statement does **not follow** the logic of ***Tosafos, Sukkah*** **48b.**

5. Mishnah, ***Mikvaos*** 1:7.

– i.e., a *mikveh* – **must contain a specific measure of water** to impart ritual purity. **However, since the waters of a wellspring are** continually **connected to their source, the quantity is not significant,** but rather **their quality** – their connection to their source. Therefore, **even the slightest volume imparts ritual purity.**

b) A wellspring **imparts ritual purity even while it is flowing. Other water** imparts ritual purity **only when it is collected in a specific place and** when **that place is of sufficient size to contain** the required **volume of water. By contrast, when the water of a wellspring is connected to its source, it is not** bound by these restrictions.[6]

**To focus on the spiritual parallel: If one desires to proceed,** advancing spiritually **under his own power and with his own calculations while separate from the source,**[7] **certain conditions must be met** for spiritual success: **A specific quantity is required** – in the spiritual parallel, **the person must possess a sufficient** degree of **intellectual prowess** and other spiritual **potentials. These must be** ample **enough** – as in the case of a *mikveh's* waters – **for his entire body,** including all his potentials, **to be immersed in them. They must be contained** in one place **and measured in** a reservoir with walls, **something outside of him.** The implication is that it must be evident, **even from an outsider's perspective, that** the person's capabilities **contain the sufficient amount necessary** to bring about change. **If these criteria are not met, it is not possible to speak about** the waters – the person's spiritual powers – **imparting purity to someone else.** Indeed, **the potential exists for the waters** – those powers – **themselves to become impure.**

**By contrast, when one is connected to the source, to the wellspring,** even **the slightest volume imparts ritual purity,** even **when** the water **is flowing. There are no requirements** regarding the matter.

דַארְפְן הָאבְן אַ שִׁיעוּר, וויִפְל מַיִם עֶס דַארְף זַיְין, אָבֶער מֵי מַעְיָן, וויבַאלְד זֵיי זַיְינֶען מְחוּבָּר מִיטְן מָקוֹר, אִיז נִיט נוֹגֵעַ קֵיין שִׁיעוּר בְּכַמּוּת, דָא אִיז נוֹגֵעַ דִי אֵיכוּת, וּמְטַהֲרִין בְּכָל שֶׁהוּא. ב) מְטַהֲרִין בְּזוֹחֲלִין. אַנְדֶערֶע מַיִם דַארְפְן לִיגְן אִין אַ גֶעווִיסְן אָרְט, וואָס יֶענֶער אָרְט הַאלְט זֵיי אוּן מֶעסְט זֵיי אוֹיס, אָבֶער מֵי מַעְיָן, אוֹיבּ זֵיי זַיְינֶען מְחוּבָּר מִיטְן מָקוֹר, דַארְפְן דָאס נִיט[יב].

אִין רוּחְנִיוּת מֵיינְט עֶס: אוֹיבּ מֶען וויל גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע כֹּחוֹת אוּן מִיט אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, בְּהֶפְסֵק מִן הַמָּקוֹר, דֶעמָאלְט דַארְפְן זַיְין כַּמָּה תְּנָאִים, עֶס מוּז זַיְין אַ שִׁיעוּר, עֶר דַארְף הָאבְן גֶענוּג שֵׂכֶל מִיט גֶענוּג כֹּחוֹת, אַ שִׁיעוּר אַז כָּל גּוּפוֹ עוֹלֶה בָּהֶם, אוּן דָאס דַארְף זַיְין גֶעהַאלְטְן אוּן גֶעמָאסְטְן פוּן אַ זַאךְ שֶׁחוּץ מִמֶּנּוּ, אַז מִצַּד אַ צְווֵייטְן זָאל אוֹיךְ אוֹיסְטְרָאגְן אַז זַיְין שִׁיעוּר אִיז גֶענוּג. אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט דִי תְּנָאִים, אִיז וועֶגְן מְטַהֵר זַיְין יֶענֶעם, קֶען קֵיין רֵייד נִיט זַיְין; עֶס קֶען נָאךְ זַיְין אַ קְלֶער אַז דִי מַיִם אַלֵיין זָאלְן מְקַבֵּל טֻמְאָה זַיְין.

בְּשַׁעַת אָבֶער מֶען אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם מָקוֹר, צוּם מַעְיָן, אִיז מֶען מְטַהֵר בְּכָל שֶׁהוּא וּבְזוֹחֲלִין. עֶס זַיְינֶען נִיטָא קֵיינֶע תְּנָאִים.

---

6. **Regarding all the above, see the commentaries on the Mishnah,** ***Mikvaos*** **5:6, and** the notes of ***Tzemach Tzedek*** **on that source.**

7. The implication of the term "the source" here are manifold. It could be understood as referring to their source Above, i.e., the person forgets that he has been granted these powers by G-d. Alternatively, he is no longer connected with his teacher(s) who was (were) his source of inspiration. Other interpretations are also possible.

It is irrelevant **whether** the person **has a large quantity of** spiritual **power or only a minimal amount; indeed, even the most minimal amount empowers him** to serve as an agent of change. **Furthermore, it is of no consequence whether his** spiritual **situation is fluid** – i.e., not static, but subject to change and fluctuation. **As long as he is connected to the source, he has a solid base of support.**[8] **Not only will he not contract ritual impurity** himself, **but on the contrary, he will be able to purify all types – even the most severe category – of ritual impurity** for which **water** from a wellspring is required.[9] **Since he is connected to the source, his own potentials are not significant.**

צי עֶר הָאט אַ סַך אֵייגֶענֶע כֹּחוֹת אָדֶער ווֵיינִיק, זָאל זַיין מֶער נִיט ווִי אַ כָּל שֶׁהוּא, און דֶערְצוּ אִיז עֶר נָאךְ זוֹחֲלִין אוֹיךְ, ווִיבַּאלְד אָבֶּער עֶר אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם מָקוֹר, גֵייט עֶר אוֹיף בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס. און נִיט נָאר ווָאס עֶר אִיז נִיט מְקַבֵּל טֻמְאָה, נָאר אַדְּרַבָּה, עֶר אִיז מְטַהֵר אַלֶע טֻמְאוֹת, אֲפִילוּ אַ טֻמְאָה חֲמוּרָה בְּיוֹתֵר (מֵי חַטָּאת), ווַייל אִין דֶעם זַיינֶען נִיט נוֹגֵעַ זַיינֶע כֹּחוֹת, ווִיבַּאלְד עֶר אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם מָקוֹר.

## What Brings a Person Joy

**3. The above** concepts **enable us to understand the verse, "You shall draw water with rejoicing from the wellsprings of salvation."**

**The counterpart of the water libation in a person's spiritual service is *kabbalas ol,* the acceptance of G-d's yoke. This** can be understood through comparing **wine,** which was used for the libations on the Altar when bringing other sacrifices, **and water. Wine has flavor; its spiritual parallel is comprehension and understanding.** By contrast, **water is something which, in and of itself, does not provide flavor.** In our Divine service, this refers to a person **who acts solely because of *kabbalas ol.* He does not consider how he himself understands the matter.** Instead, **he connects with the source and carries out** G-d's command **with *kabbalas ol.***

This becomes an empowering motivation, enabling him to **"draw water with rejoicing."** To speak in metaphoric terms, **he has only a little simple water, something which does not provide** inher-

ג. עַל פִּי זֶה ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה.

דֶער עִנְיָן פוּן נִסּוּךְ הַמַּיִם אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם בְּרוּחְנִיוּת, אִיז קַבָּלַת עוֹל, ווָאס דָאס אִיז דֶער חִילּוּק פוּן יַיִן און מַיִם. יַיִן הָאט אַ טַעַם, דְּעִנְיָנוֹ בְּרוּחְנִיוּת - הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה. מַיִם אִיז אַ זַאךְ ווָאס מִצַּד עַצְמוֹ הָאט דֶער מֶענְטשׁ אִין דֶעם קֵיין טַעַם נִיט, עֶר טוּט עֶס נָאר מִצַּד קַבָּלַת עוֹל. עֶר רֶעכְנְט זִיךְ נִיט מִיט זִיךְ ווִי בַּיי אִים לֵייגְט זִיךְ דֶער עִנְיָן, נָאר עֶר פַארְבִּינְדְט זִיךְ מִיטְן מָקוֹר און אִיז דָאס מְקַיֵּים מִיט קַבָּלַת עוֹל.

בְּשַׁעַת עֶס אִיז בַּיי אִים דָא דֶער וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן, עֶר הָאט אַ בִּיסְל פְּשׁוּט'ע ווַאסֶער, אַ זַאךְ ווָאס עֶר הָאט אִין דֶעם נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק,

---

8. Literally, the words the Rebbe uses mean, "he proceeds, [supported] by broad shoulders."

9. The Rebbe is referring to the impurity associated with a human corpse. This impurity can be purged by scattering the ashes of a red heifer upon water from a wellspring and sprinkling the mixture on the impure person or object.

און פונְדֶעסְטְוֶועגְן שֶׁעפְּט עֶר דָאס בְּשִׂמְחָה, וַוְיִיל עֶר וֶועט דָאס גִיסְן אוֹיפְן מִזְבֵּחַ פַאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶס בְּמֵילָא מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה, עֶס וֶוערְט מֵי מַעְיָן הַמְחוּבָּר לַמָּקוֹר וּמְטַהֵר בְּכָל שֶׁהוּא וּבְזוֹחֲלִין, און עֶס וֶוערְט נִמְשָׁךְ אַ יְשׁוּעָה בְּכָל הָעִנְיָנִים, נִיט לְפִי עֶרֶךְ זַיְינֶע כֹּחוֹת כְּלַל, וַוְיִיל עֶר אִיז אֵיינְס מִיטְן מָקוֹר.

(משיחת יום ב׳ דחג הסוכות, תשט״ז)

ent **satisfaction. Nevertheless, he draws the water with rejoicing because he will pour it over the Altar for G-d** – i.e., **in accordance with G-d's command. Then, as a natural consequence,** the water will **be from "the wellsprings of salvation." It will be spring water, connected to the source, and even the slightest amount will be able to impart purity although it is flowing.** In a personal sense, this means **that salvation will be drawn down into all of a person's affairs, entirely above** what he could possibly draw down via **his own power, because he is connected to the source.**

---

ח) ישעיה יב, ג.

ט) הלכות תמידין ומוספין פרק י הלכה יוד.

י) לא כתוספות סוכה מח, סוף ע״ב.

יא) מקוואות פרק א, משנה ז.

יב) זע בכל הנ״ל מפרשי המשנה מקוואות פרק ה משנה ו וצמח צדק שם.

# SUKKOS III | חג הסוכות ג

Adapted from a *sichah* delivered during *Simchas Beis HaShoevah,* 5716 (1955)

## Introduction

Our Rabbis[1] teach that "joy breaks through boundaries." We see this in actual fact; when a person is truly joyous, he will sing and dance, moving his hands and feet in a manner that shows he is swept up in the celebration. He will break out of his normal social limitations, embracing others regardless of their differences in social status, and give more generously than he typically would. The joy he experiences loosens the constraints of his ordinary mode of conduct.

But there is a deeper message involved: The person's joy breaks through boundaries because he is involved in an experience that knows no boundaries.

Our Sages[2] communicate this concept with the teaching, "One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah* [– the celebration that accompanied the water libation in the *Beis HaMikdash* –] has never seen joy in his life." What fueled the joy of *Simchas Beis HaShoevah*?

At the beginning of creation, G-d separated the lower waters from higher waters. At that time, the lower waters wept, longing to be "before the King." In response, G-d promised them that their water would be used for the water libation on the altar.[3]

The weeping of the lower waters expressed the deepest truth about existence itself – that every element of creation yearns to transcend its apparent boundaries and connect with its initial, infinite Divine source. The water libation didn't just commemorate this cosmic theme, it manifested it. Through the libation, the waters were reunited with their boundless, G-dly origin – and that reunion brought about the unbounded joy of *Simchas Beis HaShoevah*.

In this way, the celebration of *Simchas Beis HaShoevah* becomes a lens through which to "see joy." It trains us to seek a connection to G-d that is unbounded and all-encompassing – and in that connection, to discover a joy that naturally overflows all limits.

---

1. See *Sefer HaMaamarim 5657,* p. 223ff.

2. *Sukkah* 51b.

3. Rabbeinu Bachya, *Vayikra* 2:13. See *Midrash Aseres HaDibros* 1 and the *Tzemach Tzedek's* gloss to *Tehillim* (*Yahel Or*), ch. 93:4.

# Reaching for What's Beyond

## The Way to See Joy

1. The Talmud[1] describes the uniqueness of the joy of *Simchas Beis HaShoevah*,[2] saying, "One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah* has never seen [true] joy in his life." The simple interpretation is that the Talmud is describing how great the joy of *Simchas Beis HaShoevah* was – that compared to it, no other happiness can truly be considered joy. This is the meaning of "one who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah*" – even though he saw and experienced other expressions of happiness, nevertheless, "he has never seen [true] joy" in his life."

However, the precise wording our Sages used requires clarification: Their language was exact. If they wanted merely to describe the great joy experienced during *Simchas Beis HaShoevah*, they could have been more precise, stating succinctly and in positive terms: "The joy of *Simchas Beis HaShoevah* was the greatest expression of joy." Why did they use negative language, "one who has never seen [true] joy in his life..."? Also, it is necessary to understand: What is the practical consequence of this teaching, particularly in the present age when this custom is no longer practiced?[3]

In resolution, it can be said that the Talmud is providing us with practical guidance in our Divine service. If someone has never seen *Simchas Beis HaShoevah*, then even though he thinks he has seen an expression of joy and participated

א. אויף שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא[ג] מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו. דֶער פֵּירוּשׁ הַפָּשׁוּט אִין דֶעם אִיז, אַז דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט דִי גְרוֹיסְקַיְיט פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, וָואס לְגַבֵּי אִיר זַיְינֶען אַלֶע שִׂמְחוֹת קֵיין שִׂמְחוֹת נִיט. אוּן דָאס מֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער, מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אַז הֲגַם עֶר הָאט גֶעזֶען אַנְדֶערֶע שִׂמְחוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין: לְשׁוֹן רַזַ"ל אִיז דָאךְ אַ לָשׁוֹן מְדוּיָּק, אִיז אוֹיבּ מֶען ווִיל דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶער גְרוֹיסְקַיְיט פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, הָאבְּן זֵיי דָאךְ גֶעקֶענְט זָאגְן בְּדִיּוּק וּבְקִיצּוּר אִין אַ לָשׁוֹן פוּן חִיּוּב, אַז שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה הַיּוֹתֵר גְדוֹלָה, פַארְוָואס אִיז דִי אוֹיסְשְׁפְּרַאךְ פוּן רַזַ"ל אִין אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁלִילָה, מִי שֶׁלֹּא כו' לֹא רָאָה שִׂמְחָה כו'.

אוֹיךְ דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין: לְמַאי נַפְקָא מִנָּהּ וּבִפְרַט אִיצְטֶער?

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז, דִי גְמָרָא זָאגְט אוּנְז אַ הוֹרָאָה אִין עֲבוֹדָה, אוֹיבּ מֶען הָאט נִיט גֶעזֶען שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אִיז הֲגַם אַז עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט יָא גֶעזֶען שִׂמְחָה אוּן זִיךְ

1. *Sukkah* 51b.

2. The celebration that accompanied the water libation in the *Beis HaMikdash* during the holiday of Sukkos.

3. Although many communities hold *Simchas Beis HaShoevah* celebrations these days, they are merely commemorations of the celebration in the *Beis HaMikdash*.

**in it,** he should realize that, **in truth,** the joy he experienced **was only superficial. In reality, he has neither seen** nor experienced true **joy, since he has not seen *Simchas Beis HaShoevah*** – i.e., without the experience of *Simchas Beis HaShoevah,* **he could not have experienced** true **joy. This is the implication of** our Sages' **expression, "One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah* has never seen [true] joy in his life."**

מִשְׁתַּתֵּף גֶעווֶען אִין אִיר, אִיז בֶּאֱמֶת דָאס נָאר אוֹיבֶּערְפְלֶעכְלֶעךְ, אָבֶער בַּאֲמִתִּית הָאט עֶר קֵיין שִׂמְחָה נִיט גֶעזֶען, וָוארוּם וִוִיבַּאלְד אַז עֶר הָאט נִיט גֶעזֶען שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה קֶען עֶר קֵיין שִׂמְחָה נִיט זֶען. אוּן דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן: מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו.

## What Joy Involves and What It Awakens

**2. The concept can be explained as follows: Joy means breaking out of limitations. Therefore, we see that when someone truly rejoices, he will act in a manner that transcends the boundaries and limitations of his** ordinary **mindset.**

**Similarly, the cause of joy also brings about a transcendence of** the person's **limitations, since it is axiomatic that an effect corresponds to its cause. Since the effect – joy – surpasses** the person's **limitations, it follows that the cause of** his **joy must also be a matter that is above** his **limitations. In other words, he experiences something for which he was completely unprepared, something that exceeds his logical expectations. Because of the limitless nature of the experience, it evokes something that is similarly limitless. This is what is meant by *simchah*** – boundless joy. **This is also the reason why joy breaks through boundaries.**

The sages of Kabbalah interpret the verse,[4] **"As water mirrors a face to a face…,"** as meaning, **"so does the heart of [the supernal] man [mirror that of mortal] man." As the Baal Shem Tov**[5] **commented on the verse,**[6] **"G-d is your shadow" – just as a shadow mimics everything**

ב. דֶער בִּיאוּר הָעִנְיָן אִיז:

דֶער עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה מֵיינְט, אַרוֹיס פוּן הַגְבָּלוֹת. דֶערְפַאר זֶעעֶן מִיר אַז בְּשַׁעַת אֵיינֶער אִיז פְרֵיילֶעךְ בְּשִׂמְחָה אֲמִיתִּית, טוּט עֶר דֶעמָאלְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס זַיְינֶען לְמַעְלָה מִמְּדִידַת וְהַגְבָּלַת הַשֵּׂכֶל שֶׁלּוֹ.

אוֹיךְ דִי סִיבָּה וָואס בְּרֶענְגְט דִי שִׂמְחָה, אִיז אַן עִנְיָן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן זַיְינֶע הַגְבָּלוֹת. וָוארוּם דָאס אִיז דָאךְ אַ כְּלָל אַז אַ מְסוּבָּב אִיז לוֹיט דֶער סִיבָּה, אִיז וִוִיבַּאלְד אַז דֶער מְסוּבָּב, דִי שִׂמְחָה, אִיז לְמַעְלָה מֵהַגְבָּלוֹת, אִיז דָאךְ דָאס אַ הוֹרָאָה אַז אוֹיךְ דִי סִיבַּת הַשִּׂמְחָה אִיז אַן עִנְיָן וָואס אִיז לְמַעְלָה מֵהַגְבָּלוֹת. דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן עִנְיָן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִיט גֶערִיכְט אוֹיף דֶעם, וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן זַיְין הַשְׁעָרַת הַשֵּׂכֶל, אִיז מִצַּד דֶעם בְּלִי גְבוּל וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען רוּפְט עֶס אַרוֹיס אוֹיךְ אַ מְסוּבָּב פוּן בְּלִי גְבוּל, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיַן הַשִּׂמְחָה. דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וָואס שִׂמְחָה פּוֹרֵץ גֶדֶר.

אוּן עֶס אִיז כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם (הָעֶלְיוֹן) לָאָדָם[ד], אַזוֹי וִוי דֶער פֵּירוּשׁ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיפְן פָּסוּק, הֲוָיֶ' צִלְּךָ, אַז אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן טוּט נָאךְ אַלְץ

4. ***Mishlei*** **27:19.**

5. *Kesser Shem Tov, hosafos,* sec. 78.

6. *Tehillim* 121:5.

**that a person does, so too, "G-d is your shadow," as it were,** responding to man in a manner that mirrors man's conduct, as our Sages taught,[7] **"With the measure that a person measures, so is he measured."**

***Shelah***[8] **teaches that the Hebrew term for "man,"** ***adam,*** **derives from the word** *edameh,* meaning "I resemble," as in the phrase,[9] ***edameh l'Elyon,*** **"I resemble the One Above." Man is given this name because he resembles** the supernal man. **Therefore, when a person on this physical plane rejoices, joy is also** aroused **Above.**[10] Moreover, **"The kingdom of heaven resembles the kingdom of earth."**[11] **Just as on this physical plane, joy breaks through boundaries, so too,** in the spiritual realms **Above, during periods of joy, all measures and limitations are eliminated.**

**There are three dimensions to the Divine service of man**[12] **– a world in microcosm:**[13] **Torah study, the service of prayer,**[14] **and acts of kindness. All must be carried out with joy. Prayer represents the dimension of Divine service,** as our Sages taught,[15] **"What is the service of the heart? This is prayer."** And **the Talmud states,**[16] **"One should not stand to pray in a mood of sadness or laziness... but rather amidst the joy of** fulfilling **a** ***mitzvah.*** **" Similarly, the Torah study must be characterized by joy, as the Talmud states,**[17] **"And, so too, for a matter of Torah Law." The same applies to the path of acts of kindness, which refers to charity.** In that vein, **the Torah**[18] **states, "Your heart shall not feel bad** when you give to him." **From the negative, we can infer the positive** – that one should be joyous when

וָואס דֶער מֶענְטשׁ טוּט, אַזוֹי אוֹיךְ כִּבְיָכוֹל אִיז הֲוָיֶ' צִלְּךָ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן, בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד מוֹדְדִין לוֹ[טו].

אוּן דֶערְפַאר בְּשַׁעַת דֶער אָדָם לְמַטָּה אִיז בְּשִׂמְחָה, אוּן אָדָם אִיז דָאךְ מִלָּשׁוֹן אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שְׁלָ"ה[טז], אַז דֶערְפַאר וֶוערְט אַ מֶענְטשׁ אָנְגֶערוּפְן אָדָם וַוייל עֶר אִיז אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן, וֶוערְט לְמַעְלָה אוֹיךְ שִׂמְחָה[יז]. וּמַלְכוּתָא דִרְקִיעָא כְּעֵין מַלְכוּתָא דְאַרְעָא, אַז אַזוֹי וִוי לְמַטָּה אִיז שִׂמְחָה פּוֹרֵץ גֶּדֶר, אַזוֹי אוֹיךְ לְמַעְלָה בְּעֵת הַשִּׂמְחָה גֵייעֶן אַרָאפּ אַלֶע מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת.

אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם, דֶער עוֹלָם קָטָן[יח], אִיז פַאַראַן דְרַיי קַוִים: תּוֹרָה, עֲבוֹדָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים, אוּן זֵיי אַלֶע דַארְפְן זַיְין בְּשִׂמְחָה. וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט[יט], אֵין עוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל לֹא מִתּוֹךְ עַצְבוּת וְלֹא מִתּוֹךְ עַצְלוּת כו' אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה. אִיז תְּפִלָּה, וָואס אִיז דֶער קַו הָעֲבוֹדָה - אֵיזוֹהִי עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב זוֹ תְּפִלָּה[כ] - דַארְף זַיְין בְּשִׂמְחָה. אַזוֹי אוֹיךְ דֶער קַו הַתּוֹרָה דַארְף זַיְין בְּשִׂמְחָה, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְטְן: וְכֵן לִדְבַר הֲלָכָה. אַזוֹי אוֹיךְ דֶער קַו פוּן גְמִילוּת חֲסָדִים, וָואס דָאס אִיז צְדָקָה, שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה, וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ וגו'[כא], וּמִכְּלַל לָאו אַתָּה שׁוֹמֵעַ הֵן, אוּן וִוי

---

7. ***Sotah*** **8b.**

8. ***Shelah, Cheilek Torah Shebichsav, Parshas Veyeishev,*** **the end of the** ***derush*** **entitled** ***Tzon Yosef, et al.*** **See also** ***Asarah Maamaros, maamar Eim Kol Chai,*** **part 2, ch. 33,** ***et al.***

9. *Yeshayahu* 14:14.

10. **See** ***Zohar,*** **Vol. II, p. 184b.**

11. Based on *Berachos* 58a.

12. *Avos* 2:1

13. ***Midrash Tanchuma, Parshas Pekudei,*** **sec. 3;** ***Tikkunei Zohar, tikkun*** **69 (close to the beginning). See** ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **p. 5a.**

14. In *Avos*, loc. cit., *avodah,* "service," refers to the sacrificial service in the *Beis HaMikdash.* Based on the teaching (*Berachos* 26b), "the prayer services were instituted corresponding to the daily offerings," the parallel in our individual Divine service is the service of prayer.

15. ***Taanis*** **2a.**

16. ***Berachos*** **31a.**

17. *Shabbos* 30b.

18. ***Devarim*** **15:10.**

showing kindness to others. Indeed, that happiness should be radiated to the recipient, **as our Sages[19] say, "One who appeases [the poor person] is blessed with eleven blessings." Thus, we find that in all three paths, Divine service must be performed with joy and gladness of heart.**

דִי רַזַ"ל זָאגְן: וְהַמְפַיְסוֹ מִתְבָּרֵךְ בְּי"א[כב]. נִמְצָא אַז אִין אַלֶע דְרַיי קַוִים דַארְף דִי עֲבוֹדַת ה' גֶעטָאן וֶוערְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב.

## To Be More than Oneself

**3. As mentioned, true joy stems from something that is beyond one's logical expectations. It follows, therefore, that for Divine service to be performed with joy, the service must stem from *kabbalas ol* (acceptance of the yoke of Heaven). When service stems from one's understanding and comprehension, it is,** by nature, **limited and** thus **cannot produce true, unlimited joy. By contrast, when** a person's **service stems from *kabbalas ol*** – a commitment **that transcends comprehension** – he surpasses his limits. Accordingly, even though **he himself is limited,** through such service, **he nullifies himself and bonds with G-d by fulfilling His *mitzvos*.** In that vein it is explained[20] that the Hebrew **word *mitzvah* relates to** the Aramaic term ***tzavsa*, meaning "connection" or "bond."** As such, **since G-d is unlimited,** this **bond with unlimited** G-dliness **affects** a person and lifts him **beyond his limitations.** Transcending one's limitations in such a manner **constitutes true joy. However, this raises a question: Man is an intelligent being.** Indeed, **this represents man's advantage over animals – that man's** conduct is governed by his **mind. How then can we demand of him that he set aside his mind and entirely conduct himself, not according to what his understanding calls for, but rather on the basis of *kabbalas ol*?**

ג. מֶען הָאט דָאךְ גֶערֶעדט אַז דִי סִיבָּה צוּ שִׂמְחָה אֲמִתִּית אִיז אַן עִנְיָן שֶׁלְמַעְלָה מֵהַשְׁעָרַת הַשֵּׂכֶל, אִיז בְּמֵילָא פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז בִּכְדֵי דִי עֲבוֹדַת ה' זָאל זַיְין בְּשִׂמְחָה, מוּז דִי עֲבוֹדָה זַיְין מִצַּד קַבָּלַת עֹל. וָוארוּם בְּעֵת דִי עֲבוֹדָה אִיז מִצַּד זַיְין הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה, אִיז דָאס אַן עִנְיָן מוּגְבָּל, קֶען נִיט זַיְין דֶערְפוּן אַ שִׂמְחָה אֲמִתִּית, בִּלְתִּי מוּגְבֶּלֶת, אָבֶּער אַז דִי עֲבוֹדָה אִיז מִצַּד קַבָּלַת עֹל, הֶעכֶער פוּן זַיְין הַשָּׂגָה, וָואס עֶר אַלֵיין אִיז דָאךְ אַ מוּגְבָּל, אִיז עֶר זִיךְ מְבַטֵל אוּן בַּאהֶעפְט זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ קִיוּם מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ, וָואס מִצְוָה אִיז מִלְּשׁוֹן צַוְתָא וְחִיבּוּר, וָואס עֶר אִיז דָאךְ בִּלְתִּי מוּגְבָּל, אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בַּאהֶעפְט זִיךְ מִיט אַן עִנְיָן בִּלְתִּי מוּגְבָּל פּוֹעֵל'ט דָאס אוֹיף אִים עֶר זָאל אַרוֹיס פוּן זַיְינֶע הַגְבָּלוֹת, וָואס דָאס אִיז אֲמִתִּית עִנְיַן הַשִּׂמְחָה.

קוּמְט מֶען אָבֶּער צוּ גֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה:

אַ מֶענְטשׁ אִיז דָאךְ אַ שִׂכְלִי, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער יִתְרוֹן הָאָדָם עַל הַחַי, וָואס אַן אָדָם אִיז אַ שִׂכְלִי, הַיְינְט ווִי מָאנְט מֶען בַּיי אִים עֶר זָאל אַוֶועקְלֵייגְן זַיְין שֵׂכֶל אָן אַ זַיְיט אוּן זַיְין גַאנְצֶע הַנְהָגָה זָאל נִיט זַיְין ווִי עֶס קוּמְט אוֹיס מִצַּד הַשֵּׂכֶל, נָאר טָאן מִצַּד קַבָּלַת עֹל?

---

19. *Bava Basra* 9b.

20. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 45c, *et al.*

The answer to this question lies in **our Sages'**[21] **interpretation of the phrase,**[22] **"which G-d created** ***to make*****" – as "*****to perfect.*****"**

**G-d created all existence** so that it be perfected. He **did not intend that the created beings remain as they** inherently **are. Instead, He intended that they be elevated to a higher level and** attain a greater degree of **perfection.**

**The purpose of inanimate objects is that they be included in plants,**[23] that of **plants** – to be included **in animals,**[24] that of **animals** – to be included **in** man,[25] **a speaker, and the purpose of man, a thinking being, is to be included in G-dliness that transcends intellect.** Man accomplishes this purpose **through contemplating G-d's greatness,** experiencing **love and awe** of Him, **and fulfilling** His ***mitzvos*** **with the acceptance of the yoke of the Kingdom of Heaven.** G-d's ultimate **purpose in creating man, a thinking being, is that he** – more particularly, **his mind – be included in** G-dliness **that transcends intellect.**

הָאבְּן דִי רַזַ״ל גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת - לְתַקֵּן[כג]. אַלֶע נִבְרָאִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִיז נִיט דִי כַּוָּנָה זֵיי זָאלְן אַזוֹי בְּלַייבְּן, נָאר דִי כַּוָּנָה אִיז, זֵיי זָאלְן צוּקוּמֶען צוּ אַ הֶעכֶערֶער מַעֲלָה וּשְׁלֵימוּת. דֶער תַּכְלִית הַדּוֹמֵם אִיז עֶר זָאל נִכְלָל וֶוערְן אִין צוֹמֵחַ, דֶער צוֹמֵחַ - אִין חַי, דֶער חַי - אִין מְדַבֵּר אוּן דֶער תַּכְלִית הַמְדַבֵּר, וָואס עֶר אִיז אַ שִׂכְלִי, אִיז עֶר זָאל נִכְלָל וֶוערְן אִין אֱלֹקוּת שֶׁלְּמַעְלָה מֵהַשֵּׂכֶל, דוּרְךְ הִתְבּוֹנְנוּת בִּגְדוּלָּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, דוּרְךְ אַהֲבָה וְיִרְאָה אוּן דוּרְךְ קִיּוּם הַמִּצְוֹות בְּקַבָּלַת עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם. דֶער תַּכְלִית בְּרִיאַת הָאָדָם, הַשִּׂכְלִי, אִיז אַז דֶער אָדָם, דָאס הֵייסְט דֶער שֵׂכֶל שֶׁבְּאָדָם זָאל נִכְלָל וֶוערְן אִין דֶעם לְמַעְלָה מִן הַשֵּׂכֶל.

## Celebrating the Ultimate Purpose

**4. According to this understanding, we can comprehend the concept** introduced previously: **one cannot** experience true **joy at all if one has not first seen the joy of** ***Beis HaShoevah.***

**The** celebrations **of** ***Simchas Beis HaShoevah*** **were held because, during Sukkos, in addition to the wine libation that was offered** on the altar **throughout the year, water was also poured on the altar.**

**The Midrash**[26] **explains the reason water merited**

ד. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן, אַז מֶען קֶען נִיט זֶען קֵיין שִׂמְחָה אוֹיבּ מֶען זֶעט נִיט פְּרִיעֶר דִי שִׂמְחָה פוּן בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה.

שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה אִיז דָאךְ גֶעוועֶן וַוייל סֻכּוֹת פְּלֶעגְט מֶען מְנַסֵּךְ זַיין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ אוֹיךְ מַיִם, - אוֹיסֶער נִיסּוּךְ הַיַּיִן וָואס אִיז גֶעוועֶן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[כד], אַז דֶער טַעַם

---

21. See *Rashi, Bereishis Rabbah* 11:6.

22. *Bereishis* 2:3. The phrase is being translated according to the way it is understood in the Midrash cited.

23. For the plant kingdom derives its nurture from the earth.

The Rebbe's explanations are based on the conception that all existence is divided into four categories: *domeim,* inanimate existence, *tzomei'ach,* the plant kingdom, *chai,* the animal kingdom, and *midaber,* "a speaker," humanity. For a detailed explanation of the distinctions between these four forms of existence and why humans are identified as "speakers," see *Likkutei Sichos,* Vol. 6, p. 109ff.

24. By being eaten by them.

25. By serving as food for man and performing tasks for him.

26. This Midrash is **cited by Rabbeinu Bachya,** ***Vayikra*** **2:13. See** ***Midrash Aseres HaDibros*** **1 and the**

**this** distinction **as follows: When G-d said,**[27] **"Let there be a firmament in the midst of the waters…. and G-d divided between the waters that are below the firmament and the waters that are above the firmament," the lower waters wept** because of their desire to be closer to G-d. **Longingly, they expressed** their wish, **"We want to be before the King."** In response, G-d **promised them that their water would be used for the** water **libation on the altar.**

**This means that the water libation on the altar during Sukkos removed the separation and** reversed **the descent of the lower waters. Moreover, through this** sequence of descent and ascent, **they became elevated even higher than they were before their descent** in keeping with the principle that **every descent is for the purpose of ascent.**

**In a spiritual sense, the division between the upper waters and the lower waters reflects the all-encompassing separation between the higher realms and the lower realms, spirituality and physicality,** that existed initially, at the time of creation, before the Giving of the Torah. In that vein, the Midrash[28] quotes the verse,[29] **"The heavens are G-d's heavens, but the earth He gave to mankind,"** implying that initially, the spiritual and material were two separate realms.

**However, that** division applied **only according to the** initial **structure of creation. The** ultimate **purpose of creation is** reflected by the phrase,[22] **"which G-d created to make"** – that, through his **actions,** man should **perfect** G-d's creation.[21] **Every element** of existence **on this material plane is meant to be elevated** and raised **to a level loftier than it was initially, before the descent, as mentioned above.**

**This is** why **the lower waters wept, "We want to be before the King," and G-d promised them** that

וואָס מַיִם הָאבְּן זוֹכֶה גֶעווֶען דֶערצוּ איז, ווייל בְּעֵת דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט, יְהִי רָקִיעַ בְּתוֹךְ הַמָּיִם וגו׳ און מַבְדִּיל גֶעווען בֵּין מַיִם עֶלְיוֹנִים לְמַיִם תַּחְתּוֹנִים, הָאבְּן דִי מַיִם תַּחְתּוֹנִים גֶעווֵיינְט, זֵיי זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ תְּשׁוּקָה, און גֶעזָאגְט, אֲנַן בָּעֵינַן לְמֶהֱוֵי קֳדָם מַלְכָּא. הָאט זֵיי דֶערפַאר דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער צוּגֶעזָאגְט, אַז מֶען וועט נֶעמֶען פוּן זֵיי וואַסֶער לְנַסֵּךְ עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ.

דָאס הֵייסְט אַז דֶער נִיסּוּךְ הַמַּיִם עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ בְּסֻכּוֹת - נֶעמְט אַראָפּ דִי הַבְדָּלָה וִירִידָה פוּן דִי מַיִם תַּחְתּוֹנִים. נָאךְ מֶער, זֵיי ווֶערְן נָאךְ דוּרְךְ דֶעם נִתְעַלֶּה הֶעכֶער ווִי זֵיי זַיינֶען גֶעווען קוֹדֶם יְרִידָתָם. יֶעדֶער יְרִידָה אִיז דָאךְ לְצוֹרֶךְ עֲלִיָּה.

דֶער עִנְיָן בְּרוּחְנִיּוּת פוּן הַבְדָּלָה בֵּין מַיִם עֶלְיוֹנִים לְמַיִם תַּחְתּוֹנִים אִיז - דִי כְּלָלוּת׳דִיקֶע הַבְדָּלָה פוּן מַעְלָה מִיט מַטָּה, פוּן רוּחְנִיּוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת. הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה׳ וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם.

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר ווִי מִצַּד דֶעם סֵדֶר הַבְּרִיאָה. דֶער תַּכְלִית הַבְּרִיאָה אִיז דָאךְ, אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת, לַעֲשׂוֹת וּלְתַקֵּן, און דִי אַלֶע עִנְיָנִים לְמַטָּה זָאל אִין זֵיי זַיין אַן עֲלִיָּה און נָאךְ הֶעכֶער ווִי עֶס אִיז גֶעווען קוֹדֶם הַיְרִידָה, כַּנַּ״ל.

און דָאס דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס אִין דֶעם וואָס מַיִם תַּחְתּוֹנִים בּוֹכִים, אֲנַן בָּעֵינַן לְמֶהֱוֵי קֳדָם מַלְכָּא, און דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט

*Tzemach Tzedek's* **gloss to** *Tehillim* (*Yahel Or*), **ch. 93:4.**

27. *Bereishis* 1:6-7.

28. *Shmos Rabbah* 12:3. See *Likkutei Sichos,* Vol. 8, p. 23ff., where this *midrash* is explained.

29. *Tehillim* 115:16.

they would be used for **the libation on the altar. In this way, they would ascend even higher than before their descent.**

**This is the reason for the great joy of *Simchas Beis HaShoevah.* At that time,** the water libation reflects how **all the separations and barriers of the world** can be **removed. By connecting with G-d, one breaks through all the boundaries and limitations of the world.** All this is accomplished through joy, for **joy breaks through boundaries.**

**Therefore,** *Simchas Beis HaShoevah* **is the source and root of all joy. For the true concept of joy means breaking through the boundaries** and limitations **of the world.**

נִיסוּךְ עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ, וואָס דוּרְךְ דֶעם ווֶערְן זֵיי נָאךְ הֶעכֶער ווִי קוֹדֶם יְרִידָתָם.

אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם פוּן גוֹדֶל הַשִּׂמְחָה פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, וואָס דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע הַבְדָּלוֹת וּמְחִיצוֹת פוּן ווֶעלְט, מֶען אִיז פּוֹרֵץ אַלֶע גְדָרִים וְהַגְבָּלוֹת הָעוֹלָם דוּרְךְ דֶעם וואָס מֶען פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. שִׂמְחָה פּוֹרֵץ גֶּדֶר.

אוּן דֶערְפַאר אִיז שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה דֶער מָקוֹר אוּן שֹׁרֶשׁ פוּן יֶעדֶער שִׂמְחָה, אֲמִתִּית עִנְיַן הַשִּׂמְחָה וואָס מֵיינְט פּוֹרֵץ זַיְין דֶעם גֶּדֶר פוּן ווֶעלְט.

## A Problem or a Solution?

**5. One might then raise a question: Nature is also a creation that G-d brought into being. How then may one act contrary to** nature, breaking its inherent limitations and transcending them? **This resembles a question the Talmud[30] relates as having been posed to Rabbi Akiva: How may one support a poor person since** it is **G-d** who **is responsible for his poverty?**

**The answer is that on the same day that G-d created the separation between the higher realms and the lower realms, on that same day, G-d declared that the purpose of the separation is for the sake of ascent.** This is alluded to in the Midrash's interpretation of the verse,[31] **"I have wounded (*machatzti*) and I will heal."** ***Machatzti*** ("I have wounded") **shares its root letters with the word *mechitzah*** **("partition" or "divider"). Our Sages taught[32] that together with the creation of the division** of the waters **came** the promise, **"I will heal."** Thus, elevating the material realm **does**

ה. קֶען מֶען דָאךְ שְׁטֶעלְן אַ קַשְׁיָא: טֶבַע אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ בְּרִיאָה וואָס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אִיז ווִי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן אַנְטְקֶעגְן? עַל דֶּרֶךְ ווִי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט[כה], אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רַבִּי עֲקִיבָא'ן, ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען מְפַרְנֵס זַיְין אַן עָנִי, ווִיבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ חָסֵר?

אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט מֶען:

בּוֹ בַּיּוֹם ווֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי הַבְדָּלָה פוּן מַעְלָה וּמַטָּה, בּוֹ בַּיּוֹם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דֶער תַּכְלִית הַהַבְדָּלָה אִיז בִּשְׁבִיל עֲלִיָּה, מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא, מָחַצְתִּי מִלָּשׁוֹן מְחִיצָה, כְּמַאֲמַר רַזַ"ל[כו] - צוּזַאמֶען מִיט דֶער בְּרִיאַת הַמְּחִיצָה אִיז אוֹיךְ דָא דֶער וַאֲנִי אֶרְפָּא. מֶען

---

**30.** ***Bava Basra*** **10a.**

31. *Devarim* 32:39.

**32.** ***Koheles Rabbah*** 1:4.

**not oppose the** Divine intent in **creation. On the contrary,** such Divine service **fulfills the intention and purpose of creation.**

G-d's **intent** in creating **the boundaries of the world and nature is that** man **break through these boundaries and draw down transcendent** G-dliness **into this natural realm.**

גֵייט נִיט אַנְטְקֶעגְן דֶער בְּרִיאָה, נָאר אַדְּרַבָּה מֶען פִּירְט אוֹיס דִי כַּוָּנָה אוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער בְּרִיאָה.

דִי כַּוָּנַת גֶּדֶר הָעוֹלָם וְהַטֶּבַע אִיז - מֶען זָאל פּוֹרֵץ גֶּדֶר זַיְין אוּן מַמְשִׁיךְ זַיְין דֶעם לְמַעְלָה מִן הַטֶּבַע לְמַטָּה.

## Seeing Beneath the Surface

**6. This is the meaning of the Talmud's teaching, "One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah* has never seen [true] joy in his life." The Talmud is not merely relating a story, but** providing a person with **practical guidance in serving his Creator.**

**The Talmud is** answering the question: **How can one achieve joy in all three paths of Torah study, prayer, and acts of kindness, which must be carried out with joy,** as mentioned above**? This can be achieved by "seeing"** – i.e., **looking deeply and contemplating, until one "sees"** – until he perceives **this through the concept of *Simchas Beis HaShoevah*.**

**The expression** our Sages use is "who did not **see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoevah*,"** using the word "see" in a manner **similar to** its use in the verse,[33] **"My heart has seen much wisdom."** In other words, "see" refers to reflective wisdom, the understanding that comes when one contemplates a subject deeply. **When one looks** deeply **into *Simchas Beis HaShoevah* and contemplates the intention and purpose of the descent** of the waters, **one then sees that the intention of that descent** – and the pattern of descent that characterizes creation as a whole – **is to achieve a superior ascent.** "Seeing" this pattern with the eye of the mind creates a deep impression for **"seeing surpasses hearing."**[34]

ו. אוּן דָאס זָאגְט דִי גְמָרָא, מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו. מֵיינְט דָא נִיט דִי גְמָרָא צוּ דֶערְצֵיילְן אַ סִיפּוּר דְּבָרִים בְּעָלְמָא, נָאר דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה בַּעֲבוֹדַת הָאָדָם לְקוֹנוֹ.

דִי גְמָרָא גִיט אַרוֹיס אַ הוֹרָאָה:

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שִׂמְחָה אִין אַלֶע דְרַיי קַוִים פוּן תּוֹרָה, עֲבוֹדָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים, וָואס זֵיי דַארְפְן זַיְין בְּשִׂמְחָה,

אִיז דָאס דוּרְךְ צוּקוּקְן זִיךְ אוּן אַרַיְינְטְרַאכְטְן זִיךְ בִּיז עֶר וֶועט דָאס זֶען פוּן דֶעם עִנְיַן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה.

דֶער לָשׁוֹן: רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, עַל דֶּרֶךְ וְלִבִּי רָאָה הַרְבֵּה חָכְמָה[כז], - בְּשַׁעַת מֶען קוּקְט זִיךְ צוּ צוּ שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אוּן מֶען טְרַאכְט זִיךְ אַרַיְין אִין דֶער כַּוָּנַת וְתַכְלִית הַיְרִידָה, זֶעט מֶען דֶעמָאלְט אַז דִי כַּוָּנַת הַיְרִידָה אִיז צוּקוּמֶען צוּ אַן עֲלִיָּה יְתֵרָה, וּרְאִיָּה - לְמַעְלָה מִשְּׁמִיעָה.

33. *Koheles* 1:16.

34. As explained in other sources, seeing makes a deeper impression on a person than hearing. Once a person sees something, impression upon his mind is indelible and can never be shaken. By contrast, after hearing an idea, one can listen to an opposing concept and reject the first idea heard. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 357.

## To be a Conduit for Joy

**7. In the more particular context of man's Divine service:** Man is distinguished from the creation as a whole by his intelligence. However, **when** a person **contemplates the** ultimate **purpose for which the mind was created, it becomes apparent that the purpose is** not **for the mind** to remain self-contained, but **to be subsumed within** G-dliness **that transcends intellect.**[35]

Making such a breakthrough and elevating his thought to a level above his mind **gives** a person **the strength to remove the limitations and boundaries of** his **body, the limitations and boundaries of** his **animal soul,** and even **the limitations and boundaries of** his **Divine soul, and to** fully **accept upon himself the yoke of the Kingdom of Heaven. Through this, he draws down joy into his soul and,** in turn, **into the entire world as well.**

ז. בִּפְרָטִיּוּת אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם:

אַז מֶען טְרַאכְט זִיךְ אַרַיִין אִין דֶעם תַּכְלִית בְּרִיאַת הַשֵּׂכֶל, זֶעט מֶען אַז דֶער תַּכְלִית אִיז אַז שֵׂכֶל אַלֵיין זָאל נִכְלָל וֶוערְן אִין לְמַעְלָה מִן הַשֵּׂכֶל.

אוּן דָאס גִיט אַ כֹּחַ אוֹיף אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת פוּן גוּף, דִי מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אוּן דִי מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית אוּן מְקַבֵּל זַיְין אוֹיף זִיךְ עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, ווָאס דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אַ שִׂמְחָה בְּנַפְשׁוֹ אוּן דוּרְךְ דֶעם אוֹיךְ בְּכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ.

## Strategic Deception

**8. The reason for the name *Simchas Beis HaShoevah* is as stated,**[36] **"From there, they would draw down ("*shoavim*") the spirit of Divine inspiration." The *Talmud Yerushalmi***[37] **states that Yonah ben Amitai received his** gift of **prophecy from *Simchas Beis HaShoevah*.**

**This raises a question:** Why only him? **There were thousands upon thousands of Jews in the *Beis HaMikdash* during *Simchas Beis HaShoevah*, including many great men.** If **"from there, they would draw down the spirit of Divine inspiration,"** not only Yonah, but **everyone** present **received Divine inspiration. Why was Yonah singled out specifically?**

ח. דֶער טַעַם אוֹיפְן נָאמֶען שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה שְׁטֵייט, שֶׁמִּשָּׁם הָיוּ שׁוֹאֲבִין רוּחַ הַקֹּדֶשׁ. דֶער יְרוּשַׁלְמִי[כח] זָאגְט אוֹיף יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיְין נְבוּאָה פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה.

אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּעֵת שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה זַיְינֶען דָאךְ גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן אוּן צְווִישְׁן זֵיי כַּמָּה וְכַמָּה גְדוֹלִים, אִיז ווִיבַּאלְד אַז מִשָּׁם הָיוּ שׁוֹאֲבִין רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, הָאבְּן דָאךְ אַלֶע גֶענוּמֶען פוּן דָארְט רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, פַארְווָאס דֶערְמָאנְט מֶען דַוְקָא יוֹנָה'ן?

---

35. See sec. 3 above.

See also the following *sichah,* which distinguishes between the wine libation, associated with understanding, and the water libation, associated with *kabbalas ol,* a superrational commitment to G-d's service.

36. *Bereishis Rabbah* 70:8. In a literal context, the name *Simchas Beis HaShoevah* derives from the fact that the celebration was instituted when the water was drawn (*she'avu*) from the Shiloach Spring for the water libation.

37. ***Talmud Yerushalmi, Sukkah*** 5:1.

To answer: **As mentioned earlier, all stories in the Torah are not merely stories but guidance for man's service of his Creator; this** principle **also applies to the story in the** ***Talmud Yerushalmi*** **concerning Yonah. The** ***Zohar***[38] **states that Yonah (יונה) ben Amitai refers to the soul.** On this basis, we can derive a lesson **from the wording** of the command,[39] **"You shall not deceive (תונו) one another." This means that** due to **the descent of the soul into the body and the distance and opposition between soul and body, one must ensure that the body does not deceive the soul, G-d forbid.**[40] **On the contrary, one must ensure that the soul should deceive the body**[41] **– that is, the soul should deceive physicality and transform it into a dwelling place for G-d.**

**According to this, we can understand why it is said specifically about Yonah that he drew** his prophecy **from** ***Simchas Beis HaShoevah*****. The concept of** ***Simchas Beis HaShoevah*****, as discussed earlier, is the concept of "I have wounded**[42] **and I will heal," i.e., the concept implied by "which G-d created to make" – "perfect,"** that man should act as G-d's partner in creation[43] and bring the world to its ultimate fulfillment. **Despite the descent** of G-d's creative energy **into physicality, one has the power to elevate it to an even higher level than its initial state. From** ***Simchas Beis HaShoevah*****,**

אַזוֹי וְוִי מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדט, אַז אַלֶע סִיפּוּרִים פוּן תּוֹרָה זַיְינֶען נִיט אַ סִיפּוּר בְּעָלְמָא, נָאר אַ הוֹרָאָה בַּעֲבוֹדַת הָאָדָם לְקוֹנוֹ, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער סִיפּוּר פוּן יְרוּשַׁלְמִי וֶועגְן יוֹנָה'ן.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר[כט], אַז יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה, מִלָּשׁוֹן לֹא תוּנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ. דָאס הֵייסְט, אַז בִּירִידַת הַנְשָׁמָה בַּגוּף אִיז מִצַד דֶעם רִיחוּק אוּן הָפְכִיּוּת פוּן נְשָׁמָה וְגוּף, דַארְף מֶען זֶען אַז דֶער גוּף זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִיט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה; פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף זֶען אַז דִי נְשָׁמָה זָאל אָפְּנַארְן דֶעם גוּף, דָאס מֵיינְט, אַז דִי נְשָׁמָה זָאל אָפְּנַארְן גֶשֶׁם אוּן מַאכְן פוּן אִים אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף יוֹנָה'ן דַוְקָא, אַז עֶר הָאט שׁוֹאֵב גֶעוֶוען פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשׁוֹאֵבָה. דֶער עִנְיָן פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשׁוֹאֵבָה אִיז דָאךְ, וְוִי מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדט, דֶער עִנְיָן פוּן מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא, דֶער עִנְיָן פוּן אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת - לְתַקֵן, אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶער יְרִידָה פוּן גַשְׁמִיּוּת הָאט מֶען דֶעם כֹּחַ אוֹיף מַעֲלֶה צוּ זַיְין אִים נָאךְ הֶעכֶער וְוִי פְרִיעֶר, אִיז פוּן שִׂמְחַת בֵּית

38. ***Zohar*****, Vol. II, p. 199a.**

39. *Vayikra* 25:17.

40. In other words, since we live in a physical world which controls our perception, it is possible that the body will deceive the soul and convince it that physical existence is the true reality.

41. This pattern has its roots in the very beginning of the Jews' efforts to refine material existence. In that vein, Esav complains (*Bereishis* 27:36) that Yaakov "deceived me twice; he took my birthright and now, he took my blessing." Yaakov dressed as Esav to receive the blessing intended for his brother from Yaakov. Similarly, a Jew must "dress in the clothes" of physicality, adopting the external modes that characterize involvement in material existence to elevate that existence and make it a medium for G-dliness.

On a deeper level, the rationale why deception is necessary is that the refinement of the tendency towards evil implicit in material existence cannot be achieved only through the path of wisdom. Instead, one must tap spiritual resources that transcend wisdom and do not follow its pattern but rather deviate from that path. In this manner, man can combat and correct the evil that also deviates from the path of wisdom. See *Toras Chayim, Bereishis,* p. 79a; the series of *maamarim* entitled *Vekachah, 5637,* p. 478, *Sefer HaMaamarim 5670,* p. 72ff., *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 56, *et al.*

42. As mentioned above, *machatzti,* "I have wounded," also has the connotation, "I created a division," i.e., G-d originally separated between the physical and the material with the intent that the separation be healed, and that, through his Divine service, man integrate the two.

43. See *Shabbos* 10a.

הַשּׁוֹאֵבָה שֶׁעפְּט מֶען דֶעם כֹּחַ אוֹיף יוֹנָה מִלָּשׁוֹן אוֹנָאָה, אָפְּנַארְן דֶעם גֶשֶׁם אוּן מַאכְן פוּן גַשְׁמִיּוּת הָעוֹלָם גוּפָא אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

(משיחת שמחת ביה״ש, תשט״ז)

**one draws the power of Yonah** – whose name is related to **the expression *ona'ah* ("deception") – to deceive physicality and transform that very physicality of the world into a dwelling place for G-d.**

---

יג) סוכה נא, ב.
יד) משלי כז, יט.
טו) סוטה ח,ב.
טז) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 372 הערה 3.
יז) זהר ח״ב קפד, ב.
יח) תנחומא פקודי ג. תיקוני זהר תיקון סט (קרוב לתחלתו) וראה לקו״ת במדבר ה, א.
יט) ברכות לא, א.
כ) תענית ב, א.
כא) דברים טו, י.
כב) בבא בתרא ט, ב.
כג) ראה רש״י בראשית רבה פי״א, ו.
כד) הובא ברבנו בחיי ויקרא ב, יג וראה מדרש עשרת הדברות א ורשימות הצמח צדק לתהלים צג.
כה) בבא בתרא י, א.
כו) קהלת רבה פרשה א, פסוק ד.
כז) קהלת א, טז.
כח) סוכה פרק החליל הלכה א בגמרא.
כט) חלק ב, קצט, א.

# SUKKOS IV | חג הסוכות ד

Adapted from a *sichah* delivered during *Simchas Beis HaShoeivah,* 5715 (1954)

## Introduction

Our Sages teach,[1] "One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoeivah* has never seen [true] joy in his life." It is not only that joining in this celebration was an uplifting experience in and of itself, our Sages' words also imply that it gave the participants and spectators the insight and the spiritual foundation to "see rejoicing," to be able to appreciate happiness in every dimension of their lives.

What was it about the water libation that prompted such powerful rejoicing? After all, water does not naturally lead to joy. Furthermore, every day, there were wine libations in the *Beis HaMikdash.* Now, wine is a natural stimulus for happiness and, yet, there were no celebrations associated with the wine libation.

In explanation of the reason the water libation prompted joy, the Rebbe focuses on the law[2] that a blessing is recited over water only when one drinks it to satisfy thirst. Building on the spiritual sequence that connects Rosh HaShanah and Yom Kippur with Sukkos, he explains that the water libation leads to joy because a Jew's thirst for G-dliness is awakened on Rosh HaShanah and Yom Kippur.

The desire for connection with G-d aroused on these holidays finds expression in the water libation, and that is the cause of the joy of the Jewish people.

Expounding upon the contrast between wine and water, the Rebbe explains that just like wine has flavor, there is happiness that comes from what we understand and appreciate. However, that happiness is limited, only as powerful as the stimulus that evokes it. When, by contrast, our happiness does not come from what we take in, but from going beyond our own identity – reflecting the simplicity that parallels water – it connects us to G-d. It thus becomes life-giving like water, infusing vitality into every aspect of our existence.

---

1. *Sukkah* 51b.

2. *Berachos* 44a.

# The Potential to Experience Joy

## A Spiritual Sequence

**1. The festival of Sukkos follows the Divine service of the Ten Days of *Teshuvah*. The implication is that the flow of Divine** life-energy **elicited in the Ten Days of *Teshuvah* becomes manifest during the holiday of Sukkos in** an outpouring of **rejoicing.**[1]

**The Ten Days of *Teshuvah* are comprised of the two days of Rosh HaShanah, Yom Kippur, and the seven days between them. All of these – Rosh HaShanah, Yom Kippur, and the seven intermediate days – share a connection with Sukkos:**

**Rosh HaShanah – The word *schach* (סכך)**, describing the primary element of the *sukkah,* **is comprised of three letters: *samach, chof,* and a** final ***chof,*** which are numerically equal to 60, 20, and 20, respectively, or 100 in total. Here, we see **a connection to the 100 *shofar*** blasts **sounded on Rosh HaShanah: 60 *tekios,* 20 *shevarim,* and 20 *teruos*.**

**Yom Kippur – The fundamental element of the Yom Kippur service** in the *Beis HaMikdash* **was the cloud of** smoke produced by **the incense offering. *Chassidus***[2] **enlightens** us to the spiritual links between **the Clouds of Glory** (**which** we commemorate by building our ***sukkos***) and the **cloud of** smoke produced by **the incense offering** of Yom Kippur.

א. חַג הַסֻּכּוֹת קוּמְט נָאךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה. דָאס מֵיינְט אַז אַלֶע הַמְשָׁכוֹת פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה קוּמֶען אַרָאפּ בְּחַג הַסֻּכּוֹת אִין קַו הַשִּׂמְחָה.

אִין עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, זַיְינֶען דָא בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּפּוּר, אוּן דִי זִיבְּן טֶעג וָואס צְווִישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר. אוּן דִי אַלֶע דְרַיי עִנְיָנִים - רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּפּוּר אוּן דִי ז׳ יָמִים - זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט סֻכּוֹת.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

אִין ״סְכַךְ״ זַיְינֶען דָא דְרַיי אוֹתִיּוֹת: סַמֶ״ךְ, כָּ״ף אוּן נָאךְ אַ כָּ״ף. וָואס דָאס אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט דִי זֶעכְצִיק תְּקִיעוֹת, צְווַאנְצִיק שְׁבָרִים אוּן צְווַאנְצִיק תְּרוּעוֹת, פוּן דִי מֵאָה קוֹלוֹת וָועלְכֶע מֶען בְּלָאזְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יוֹם כִּפּוּרִים:

דֶער עִיקָר פוּן עֲבוֹדַת יוֹם כִּפּוּרִים אִיז דֶער עֲנַן הַקְטֹרֶת. אִין חֲסִידוּת וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אַז פוּן דֶעם עֲנַן הַקְטֹרֶת וֶוערְן נִמְשָׁךְ דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִנְיָן פוּן סֻכּוֹת.

---

1. Sukkos is referred to as *zman simchaseinu,* "the season of *our* rejoicing" (plural), referring not only to the rejoicing of the Jewish people, but also to the rejoicing of G-d, as it were (*Likkutei Torah, Devarim,* p. 84c). Just as Rosh HaShanah and Yom Kippur are "Days of Awe" because G-d's awesome sovereignty radiates throughout all existence at that time, Sukkos is "the season of our rejoicing" because G-d's joy radiates outward then.

2. *Or HaTorah, Devarim,* Vol. 4, p. 1710; *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat*, Vol. 1, p. 163; *et al.,* based on the *Zohar,* Vol. III, p. 103a. In these sources, it is explained that the outpouring of Divine mercy evoked through the *teshuvah* of the Jewish people is manifest in the cloud of smoke produced by the incense offering of Yom Kippur in the Holy of Holies. This energy radiates downward as joy during the holiday of Sukkos.

ז׳ יָמִים:

אִין דִי ז׳ יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם כִּפּוּרִים זַיְינֶען פַאַראַן אַלֶע טֶעג פוּן דֶער וואָך, זוּנְטִיק, מָאנְטִיק, אוּן אַזוֹי ווַיְיטֶער. דֶער זוּנְטִיק פוּן דִי ז׳ יָמִים אִיז מְתַקֵּן אַלֶע זוּנְטִיקְס פוּן דֶעם יָאר, דֶער מָאנְטִיק אַלֶע מָאנְטִיקְס וכו׳. דִי ז׳ יָמִים פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה ווֶערְן שְׁפֶּעטֶער נִמְשָׁךְ בְּשִׂמְחָה אִין דִי ז׳ יָמִים פוּן סֻכּוֹת, ווָאס דוּרְךְ זֵיי אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ שִׂמְחָה אִין אַלֶע טֶעג פוּן וואָך פוּן קוּמֶענְדִיקְן יָאר.

**The seven days – The seven days between Rosh HaShanah and Yom Kippur include all the seven days of the week: Sunday, Monday, etc. The Sunday of these seven days** enables one to **correct** any shortcoming that might have occurred on one of **the Sundays of the entire** previous **year.** Similarly, **the Monday** enables one to **correct all the Mondays, etc.** The spiritual energy elicited during **these seven days of the Ten Days of *Teshuvah* is later** manifest **in a joyful manner during the seven days of Sukkos, which draw down happiness for all the days of the week in the coming year.**

## Seven Full Days of Rejoicing

ב. אִין פְּלוּג קֶען מֶען דָאךְ פְרֶעגְן, ווִיבַּאלְד אַז דֶער נִסּוּךְ אִיז גֶעווֶען אִינְדֶערְפְרִי, בִּזְמַן הַקְרָבַת תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר[ל], אִיז דָאךְ נִיטָא קֵיין גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג, ווָארוּם עֶס פֶעלְט דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט?

אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִיט קֵיין קַשְׁיָא מִצַּד צְווֵיי טַעֲמִים: א) דִי שִׂמְחָה פוּן סֻכּוֹת אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן לוּלָב, ווָאס דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן בַּיְינַאכְט, מִשֶּׁקִּדֵּשׁ הַיּוֹם[לא], ב) אֲפִילוּ מִצַּד הַנְּסָכִים, שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי[לב] אַז בְּדִיעֲבַד אוֹיבּ מֶען הָאט מְנַסֵּךְ גֶעווֶען בַּיְינַאכְט, אֲפִילוּ דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט, ווָאס מֶען הָאט נָאךְ קֵיין אֵיין מָאל נִיט מַקְרִיב גֶעווֶען, אִיז בְּדִיעֲבַד כָּשֵׁר.

2. **At first glance, a conceptual difficulty arises:** When the *Beis HaMikdash* stood, the joy of Sukkos was connected with the water libation that was brought every morning during that festival, **at the time of the offering of the daily morning sacrifice.**[3] **Since that libation was** not offered until **the morning** of the first day of *Sukkos,* the joy of Sukkos might not seem connected with **seven complete days because the first night is not included.**

**In truth, however, this does not present a problem for two reasons:**

a) **The rejoicing of Sukkos is** also **connected with the *lulav,***[4] **and** the time associated with that *mitzvah* **begins at night, at the onset of the festival.**[5]

b) **Even** when considering the matter **from the standpoint of the water libation, the *Talmud Yerushalmi***[6] **rules that, after the fact, if** the water libation **was offered at night – even on the first night, before offering any** of the festive sacrifices – **it is acceptable.**

---

3. ***Yoma* 26b.**

4. I.e., the *mitzvah* of the four species, commonly called after its most prominent species, the *lulav*. The connection between the *mitzvah* of *lulav* and the seven days of rejoicing of Sukkos is reflected in the association made by the verse (*Vayikra* 23:40), "You shall take… date palm fronds (*lulavim*)… and you shall rejoice before G-d… for seven days."

Although the *mitzvah* of *lulav* can only be fulfilled during the day, the night of the festival onward is already considered "the time of the *mitzvah*" with regard to setting aside the four species as designated for its observance (*Rashi*, *Sukkah* 33b, cited in *Toras Menachem,* 5728, Vol. 1, p. 126).

5. ***Rashi, Sukkah* 33b, s.v. *hachi garsinin.***

6. ***Talmud Yerushalmi, Sukkah* 4:6.**

**Therefore,** the potential for **rejoicing** on the festival already **begins at night, and** thus the festival **includes seven complete days** of joy.

בְּמֵילָא הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שִׂמְחָה פוּן בַּיְינַאכְט, אוּן עֶס זַיְינֶען פַאראַן גַאנְצֶע זִיבְּן מֵעֵת לְעֵת.

## Two Categories of Libations

**3. The water libation is acceptable after the fact if offered at night because the obligation of the water libation is not associated with the** festival **sacrifices, but rather with the day** of the festival **itself. This constitutes the difference between the wine libation and the water libation. The wine libation is an obligation associated with the sacrifices. Therefore, it must be offered specifically during the daytime hours,** at the time when sacrifices may be brought. **By contrast, the water libation is an obligation associated with the** entire **day** of the festival and, therefore, it is acceptable after the fact if it was offered the previous night.

ג. דֶער טַעַם פַארְוָואס נִסּוּךְ הַמַּיִם אִיז כָּשֵׁר בְּדִיעֶבֶד אוֹיךְ בַּיְינַאכט אִיז וַוייל נִסּוּךְ הַמַּיִם אִיז נִיט חוֹבַת הַזֶּבַח נָאר חוֹבַת הַיּוֹם. וָואס דָאס אִיז דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן נִסּוּךְ הַיַּיִן אוּן נִסּוּךְ הַמַּיִם: נִסּוּךְ הַיַּיִן אִיז חוֹבַת הַזֶּבַח, דֶערְפַאר מוּז עֶס זַיְין בַּיְיטָאג דַוְקָא, אָבֶער נִסּוּךְ הַמַּיִם אִיז חוֹבַת הַיּוֹם.

**True, the water libation is also connected with the sacrifices. For that reason, the *Tosefta*[7] states that the water libation may be disqualified as *piggul*. Nevertheless,** although it is connected with the actual sacrifice, the water libation **is not connected with the *time* when the sacrifice is offered.**

הֲגַם אַז אוֹיךְ נִסּוּךְ הַמַּיִם אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן זֶבַח, וָואס דֶערְפַאר שְׁטֵייט אִין תּוֹסֶפְתָּא[לג] אַז עֶס אִיז שַׁיָּיךְ פִּגּוּל אִין נִסּוּךְ הַמַּיִם, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאס נִיט פַארְבּוּנְדְן מִיטְן זְמַן הַזֶּבַח.

**Clarification, however, is necessary regarding the** fundamental **reason for the difference between the wine libation and the water libation.** The obligation to offer **both is derived from the same verse,**[8] which uses the term **"and its libations,"** employing **a plural form** and thus alluding to both the wine and water libations. **If so, why is the wine libation an obligation associated with the sacrifices and therefore commanded** to be offered **specifically during the day, while the water libation is an obligation associated with the** entire **day** of the festival **and is acceptable even if offered at night** after the fact?

בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז דָא אַ חִילּוּק פוּן נִסּוּךְ הַיַּיִן בִּיז נִסּוּךְ הַמַּיִם. בֵּיידֶע לֶערְנְט מֶען דָאךְ אָפּ פוּן אֵיין פָּסוּק, וּנְסָכֶיהָ לְשׁוֹן רַבִּים, הַיְינְט פַארְוָואס זָאל יַיִן זַיְין חוֹבַת הַזֶּבַח וּמִצְוָתָהּ בַּיּוֹם דַוְקָא אוּן נִסּוּךְ הַמַּיִם - חוֹבַת הַיּוֹם וְכָשֵׁר גַּם בַּלַּיְלָה?

---

7. ***Tosefta, Sukkah* 3:7. See the responsa of *Avnei Nezer, Orach Chayim,* responsum 495.** The term *pigul* refers to a sacrificial animal slaughtered with the intent that it be offered on the altar or eaten at a time other than the time prescribed. *Avnei Nezer* explains that if the water libation was brought together with a sacrificial animal slaughtered with such an intent, it also becomes disqualified as *piggul.*

8. *Bamidbar* 29:31, as interpreted by *Taanis* 2b.

## The Torah's Body and Soul

**4. The concept** can be explained as follows: We find **the Torah referred to with the phrase,**[9] **"This is the Torah of man."** The inner meaning of that phrase is that **the Torah is comparable to a person. A person has** both **a body and a soul,** and the soul **permeates all** the limbs and organs **of the body, endowing them with life. Similarly, the Torah possesses a revealed dimension, its body,** the framework of Torah Law and the logic on which it is based, **and a hidden and inner dimension, its soul.** Just as the soul brings life to the entire human body, **the inner dimension** of the Torah **exists within all aspects of its revealed dimension; it pervades every law and every passage in the revealed** dimension and **endows it with life.**

**For this reason, there are many aspects of the revealed dimension** of the Torah **in which their soul,** their inner spiritual dimension, **is overtly apparent, and only** by focusing on **that inner,** spiritual **dimension can they be understood. Similarly, regarding the concept explained above,** the difference between the wine libation and the water libation **can be understood by** focusing on **the inner aspect, the soul** of the concept.

ד. נָאר דֶער עִנְיָן אִיז: אוֹיף תּוֹרָה שְׁטֵייט זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם. דָאס הֵייסְט אַז תּוֹרָה אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטשׁ. פּוּנְקְט ווִי בַּיי אַ מֶענְטשׁ אִיז דָא דֶער גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה, ווֶעלְכֶע גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַגוּף, אוּן בַּאלֶעבְּט זֵיי,

אַזוֹי אוֹיךְ אִין תּוֹרָה, אִיז דָא דֶער גוּף פוּן תּוֹרָה - גַלְיָא דְתוֹרָה, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן תּוֹרָה - נִסְתָּר וּפְנִימִיּוּת הַתּוֹרָה. אוּן דִי פְּנִימִיּוּת אִיז פַאראַן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן נִגְלֶה, אִין יֶעדֶער הֲלָכָה אוּן סוּגְיָא, ווָאס דָאס - דִי פְּנִימִיּוּת - אִיז דֶער חַיּוּת פוּן דֶער נִגְלֶה.

דֶערְפַאר זַיְינֶען פַארַאן כַּמָּה וְכַמָּה עִנְיָנִים אִין נִגְלֶה, ווָאס עֶס זֶעט זִיךְ אָן אִין זֵיי בְּגִילוּי זֵייעֶר נְשָׁמָה, אוּן מֶען קֶען זֵיי פַארְשְׁטֵיין נָאר דוּרְךְ דֶער פְּנִימִיּוּת ווָאס אִין זֵיי.

אוֹיךְ דֶער עִנְיָן הַנַ"ל ווֶעט ווֶערְן פַארְשְׁטַאנְדִיק דוּרְךְ דֶער פְּנִימִיּוּת וּנְשָׁמָה פוּן אִים.

## The Pleasure Generated by *Kabbalas Ol*

**5. The difference between wine and water** can be explained as follows: **Wine has flavor and,** consequently, drinking it **is pleasurable. By contrast, water in and of itself is not as pleasurable. For this reason,** whether or not one is thirsty, **it is always necessary to recite a blessing over wine. Since it has flavor, whenever** a person **drinks it, he derives enjoyment. However, a blessing is not** necessarily **recited over water;** it is recited

ה. דֶער חִילוּק פוּן יַיִן מִיט מַיִם אִיז:

יַיִן הָאט אַ טַעַם אוּן אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער ווַאסֶער פַאר זִיךְ הָאט נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק. דֶערְפַאר גֶעפִינֶען מִיר אַז אוֹיף יַיִן דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מַאכְן אַ בְּרָכָה, ווָארוּם ווִיבַּאלְד אַז דָאס הָאט אַ טַעַם אִיז ווֶען מֶען זָאל דָאס נָאר טְרִינְקֶען פִּילְט מֶען אִין דֶעם אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אוֹיף ווַאסֶער דַארְף מֶען נִיט מַאכְן קֵיין בְּרָכָה, סַיְידְן

9. *Bamidbar* 19:14. We have translated the phrase according to the context of the *sichah*. The literal meaning differs.

**only when one drinks it while thirsty,**[10] **for** only **then does the water produce enjoyment.**

**Just as wine and water exist in a physical sense, so too, they both have counterparts in our spiritual lives. Divine service motivated by logic and knowledge** is comparable to **wine because it is enjoyable.** One understands the reasons for his service, and he derives pleasure from it. By contrast, **Divine service motivated by *kabbalas ol,*** unconditionally accepting the yoke of the *mitzvos,* is comparable to **water; in and of itself, it does not bring any pleasure.**

However, **when a person who is thirsty drinks water, the water generates pleasure because of his thirst,** and he **is** therefore **required to recite a blessing. Similarly, although *kabbalas ol* does not generate pleasure and enjoyment in and of itself, nevertheless,** there are instances in which the satisfaction it produces is far more encompassing than that produced by wine.

Similarly, in the corresponding elements of our Divine service – the comprehension of G-dliness (wine) – leads to enjoyment and pleasure. However, **when a person contemplates** the extent of **the descent of** his **soul to this physical plane – a descent from "a high roof to a deep pit"**[11] **– he realizes that regardless of how great his conceptual** abilities are, even when **he** truly **possesses vast wisdom, his** spiritual **standing is incomparable to that of his soul before it descended** to this world; as our Sages[12] said, **"Would it be that one depart from this world as he entered it."** The realization of the extent of this descent **generates a thirst for G-dliness, and that thirst evokes the surrender (*bittul*)** associated with ***kabbalas ol.* Then, his thirst** for G-d **infuses his *kabbalas ol* with much pleasure and vitality.**

Based on such a foundation, we can understand the deeper meaning of our Sages'[10] words, **"One who drinks water because of his thirst recites the blessing [praising G-d], for 'everything was created via His word.'"**

בְּשַׁעַת מֶען טְרִינְקְט מַיִם לִצְמָאוֹ דַוְקָא[לד], וָואס דַאן הָאט עֶר אִין דֶעם אַ טַעַם.

אַזוֹי ווִי אִין חַיֵּי הַגּוּף אִיז פַּארַאן יַיִן אוּן מַיִם, אַזוֹי זַיְינֶען דָא בֵּיידֶע אוֹפַנִּים אוֹיךְ אִין חַיֵּי הַנְּשָׁמָה. עֲבוֹדָה עַל פִּי טַעַם וָדַעַת הֵייסְט יַיִן, וַוְיְיל אִין דֶעם אִיז דָא אַ גֶעשְׁמַאק; אוּן עֲבוֹדָה מִצַּד קַבָּלַת עוֹל הֵייסְט מַיִם, וַוְיְיל מִצַּד עַצְמָהּ אִיז נִיטָא אִין אִיר קֵיין גֶעשְׁמַאק.

כָּאטשׁ קַבָּלַת עוֹל אִיז אַן עִנְיָן וָואס מִצַּד עַצְמָהּ הָאט זִי נִיט אִין זִיךְ קֵיין עוֹנֶג אוּן גֶעשְׁמַאק, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אַזוֹי ווִי אוֹיף מַיִם שְׁטֵייט, הַשּׁוֹתֶה מַיִם לִצְמָאוֹ מְבָרֵךְ כּוּ׳, וָוארוּם מִצַּד דֶעם צִמָּאוֹן בַּאקוּמְט עֶר אַ גֶעשְׁמַאק אוֹיךְ אִין מַיִם, אַזוֹי אוֹיךְ אִין קַבָּלַת עוֹל. בְּשַׁעַת עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן יְרִידַת נִשְׁמָתוֹ לְמַטָּה, שֶׁיָּרְדָה מֵאִיגְּרָא רָמָה לְבֵירָא עַמִּיקְתָּא, דֶעמָאלְט כַּאפְּט עֶר זִיךְ אַז נִיט קוּקְנְדִיק וָואס עֶר אִיז גְרוֹיס אִין הַשָּׂגָה, עֶר אִיז אַ "גָדוֹל" בְּחָכְמָה, אָבֶּער וָואס פַאר אַן עֶרֶךְ הָאט עֶס לְגַבֵּי דֶעם מַצָּב ווִי דִי נְשָׁמָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען קוֹדֶם יְרִידָתָהּ, וְהַלְוַאי תְּהֵא יְצִיאָתוֹ מֵהָעוֹלָם כְּבִיאָתוֹ עַל כָּל פָּנִים[לה], וּמִצַּד דֶעם וֶוערְט בַּיי אִים אַ צִמָּאוֹן צוּ אֱלֹקוּת, אוּן דֶער צִמָּאוֹן רוּפְט בַּיי אִים אַרוֹיס אַ בִּיטוּל פוּן קַבָּלַת עוֹל, וָואס דֶעמָאלְט, מִצַּד דֶעם צִמָּאוֹן, אִיז אוֹיךְ דֶער קַבָּלַת עוֹל מִיט אַ סַךְ גֶעשְׁמַאק אוּן לֶעבֶּעדִיקַיְיט.

- אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ הַשּׁוֹתֶה מַיִם לִצְמָאוֹ מְבָרֵךְ שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ -

---

**10.** ***Berachos*** **44a.**

11. Cf. *Chagigah* 5b.

**12.** Cf. ***Bava Metzia*** **107a.** The intent is to depart the world without blemishing the soul through sin.

**When one is in a state of thirst,** longing for G-d, **and** is motivated by ***kabbalas ol*, he recognizes that "everything" – even** the entities in **this material world – were "created via His word." As the Alter Rebbe once said,**[13] **"All I see is the active force bringing existence into being." This realization can be experienced even in the era of exile.**

In truth, **the pleasure and the happiness generated by *kabbalas ol* is even greater than the happiness that stems from** intellectual **understanding. The happiness** that stems **from understanding is limited, commensurate with the degree of the** person's **grasp. However,** since **the happiness stemming from *kabbalas ol*** involves transcending the limitations of intellect and surrendering oneself to G-d who is limitless, it **is** also **unlimited. For that reason, the primary rejoicing** in the *Beis HaMikdash* on Sukkos was associated with **the water libation. That celebration was so jubilant that** our Sages stated,[14] **"One who did not see the rejoicing of *Simchas Beis HaShoeivah* has never seen [true] joy in his life."**

בְּשַׁעַת מֶען שְׁטֵייט אִין דֶער תְּנוּעָה פוּן צִמָּאוֹן אוּן קַבָּלַת עוֹל, הֶערְט מֶען אִין "הַכֹּל", אִין יֶעדֶער זַאךְ, אוֹיךְ אִין עוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי וְהַחוּמְרִי, ווִי דָאס אִיז "נִהְיָה בִּדְבָרוֹ", ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט נָאר דֶעם כֹּחַ הַפּוֹעֵל בַּנִּפְעָל, אוּן דָאס קֶען מֶען הֶערְן אוֹיךְ בִּזְמַן הַגָּלוּת -

אַדְּרַבָּה, דֶער גֶעשְׁמַאק אוּן דִי שִׂמְחָה וואָס אִין קַבָּלַת עוֹל אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער ווִי דִי שִׂמְחָה מִצַּד הַשָּׂגָה. ווָארוּם דִי שִׂמְחָה מִצַּד הַשָּׂגָה אִיז בְּהַגְבָּלָה כְּפִי אוֹפֶן הַהַשָּׂגָה, אָבֶּער דִי שִׂמְחָה מִצַּד קַבָּלַת עוֹל אִיז בְּלִי גְבוּל.

אוּן דֶערְפַאר זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז דֶער עִיקַר שִׂמְחָה אִיז גֶעווֶען בַּיי נִסּוּךְ הַמַּיִם דַּוְקָא, אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעווֶען אוֹיף אַזוֹי פִיל, בִּיז אַז מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו״[יו].

## With Distinctions or Above Them

**6. This is the reason** for the distinction between the wine libation and the water libation mentioned above – **that the wine libation is an obligation associated with** the time of the **sacrifices, while the water libation is an obligation associated with the** entire **day** of the festival. **The difference between them** can be explained as follows:

Since it is **a person** who **offers a sacrifice, the sacrifice is associated with his Divine service** and involves the thought and feeling he invests when bringing it. **For this reason, there are many different levels** involved in bringing **sacrifices, to the extent that women and others are not obligated to give the**

ו. אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם וואָס נִסּוּךְ הַיַּיִן אִיז חוֹבַת הַזֶּבַח אוּן נִסּוּךְ הַמַּיִם חוֹבַת הַיּוֹם, ווַייל דֶער חִילּוּק פוּן זֶבַח מִיט יוֹם אִיז:

זֶבַח אִיז אַן עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הָאָדָם, וואָס דֶער אָדָם בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן. דֶערְפַאר זַיְינֶען אִין זֶבַח פַאראַן כַּמָּה וְכַמָּה חִילּוּקֵי מַדְרֵגוֹת, בִּיז אַז נָשִׁים וכו' פְּטוּרוֹת

---

13. See *Toras Menachem – Hisvaaduyos,* Vol 4, p. 258, where the Rebbe relates how, before his passing, the Alter Rebbe told the *Tzemach Tzedek,* "I don't see the beams [of the ceiling]. All I see is the active force bringing existence into being."

14. ***Sukkah*** **51b.**

**half-*shekel*[15] that was used** to purchase **the communal sacrifices.**

By contrast, **a festival is** designated **from Above;** to borrow our Sages' words,[16] **its holiness is already established,** independent of human actions. **True,** the holiness of the festivals **is dependent on the court's designation of** the beginning of **the new month. However, once the court** has **established when Rosh Chodesh** Tishrei **falls, Sukkos falls on the fifteenth day of the month as a matter of course,** independent of man's Divine service. **Therefore,** the festival must be observed by **all Jews without distinction.**

**Accordingly, the wine** libation, reflecting **logic and knowledge, is an obligation associated with the** time of the **sacrifices, while the water** libation, reflecting ***kabbalas ol,* is an obligation associated with the day** of the festival as a whole.

**Divine service dependent on logic and knowledge corresponds to** the scope **of a person's understanding. Thus, there are different levels** in this type of Divine service, **as there are regarding the sacrifices.**

**By contrast, Divine service motivated by *kabbalas ol* is not** at all **commensurate with a person's** spiritual **level; his** individual **state is not relevant at all.** Such Divine service **does not take his understanding or his feelings into consideration.** He perseveres in his Divine service **whether or not he understands, whether or not he feels. He does not take himself into consideration at all and accepts the yoke of G-d's sovereignty. In this** motif, **there is no difference between the level** of one person and that of another.

Such Divine service **resembles the festivals. In relation to them,** **a person's spiritual standing and circumstances are of no consequence. At the very onset of the festival, its holiness begins,** regardless of the person's spiritual standing.

מִמַּחֲצִית הַשֶּׁקֶל[לז], וָואס אִיז אוֹיסְגֶענוּצְט גֶעוָואָרְן אוֹיף קָרְבְּנוֹת הַצִּבּוּר.

יוֹם טוֹב אִיז אַן עִנְיָן וָואס עֶס קוּמְט מִלְמַעְלָה, עֶס אִיז מִקַּדְּשָׁא וְקַיְמָא. - דֶער קְבִיעוּת הַחֹדֶשׁ אִיז טַאקֶע אָפְּהֶענְגִיק אִין בֵּית דִּין, אָבֶער נָאךְ דֶעם ווִי בֵּית דִּין הָאט שׁוֹין קוֹבֵעַ גֶעוֶועְן רֹאשׁ חֹדֶשׁ, אִיז בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט דֶער פוּפְצְנְטֶער טָאג וֶוערְט עֶס בְּמֵילָא סֻכּוֹת. - אוּן דֶערְפַאר אִיז אִין דֶעם נִיטָא קֵיין חִלּוּקֵי מַדְרֵגוֹת, אַלֶע זַיְינֶען אִין דֶעם גְלַיְיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז יַיִן - טַעַם וָדַעַת - חוֹבַת הַזֶּבַח, אוּן מַיִם - קַבָּלַת עוֹל - חוֹבַת הַיּוֹם, ווַיְיל עֲבוֹדָה שֶׁעַל פִּי טַעַם וָדַעַת אִיז לְפִי עֶרֶךְ הָאָדָם הַמַּשִּׂיג, אוּן עֶס זַיְינֶען דָא אִין דֶעם חִלּוּקֵי מַדְרֵגוֹת, אַזוֹי ווִי אִין זֶבַח. אָבֶער עֲבוֹדָה מִצַּד קַבָּלַת עוֹל אִיז נִיט לוֹיט זַיְין עֶרֶךְ, דָא אִיז נִיט נוֹגֵעַ דֶער מַצַּב הָאָדָם, ווַיְיל עֶר רֶעכְנְט זִיךְ נִיט מִיט זַיְין פַארְשְׁטַאנְד אוּן גֶעפִיל, צִי עֶר פַארְשְׁטֵייט יֶע צִי נִיט, צִי עֶר פִילְט יֶע צִי נִיט, עֶר רֶעכְנְט זִיךְ נִיט לְגַמְרֵי מִיט זִיךְ אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם. אִין דֶעם אִיז נִיטָא קֵיין חִלּוּקֵי מַדְרֵגוֹת, אוּן דָאס אִיז גְלַיְיךְ צוּ יוֹם טוֹב, אַז עֶס אִיז נִיט נוֹגֵעַ דֶער מַעֲמַד וּמַצַּב הָאָדָם, נָאר תֵּיכֶף מִשֶּׁקָּדַשׁ הַיּוֹם ווֶערְט עֶס קָדוֹשׁ.

15. ***Talmud Yerushalmi, Shekalim*** **1:3.** 16. Cf. *Beitzah* 17a.

## When Darkness Is and Is Not an Obstacle

7. **This also** explains why **the wine libation had to be offered specifically during the day, while the water libation was acceptable, after the fact, if offered at night. Divine service motivated by one's understanding is possible only when light** shines within a person's **mind; he understands and** consequently **he feels. It is specifically then that it is possible for him to serve G-d motivated by his understanding.**

**However, Divine service motivated by *kabbalas ol* is also possible at night,** when the person **does not sense light. Nevertheless, he does not take any** challenges **into consideration and accepts the yoke of G-d's sovereignty.**

ז. און דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן וָואס נִסּוּךְ הַיַּיִן הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין בַּיְיטָאג דַוְקָא און נִסּוּךְ הַמַּיִם הָאט גֶעקֶענְט זַיְין אוֹיךְ בַּיְינַאכְט.

עֲבוֹדָה מִצַּד הַשָּׂגָה קֶען זַיְין נָאר בְּשַׁעַת אִים אִיז לִיכְטִיק אִין זַיְין שֵׂכֶל, עֶר פַארְשְׁטֵייט און פִילְט, דֶעמָאלְט דַוְקָא קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִצַּד שֵׂכֶל. אָבֶּער דִי עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עוֹל קֶען זַיְין אוֹיךְ בַּיְינַאכְט, בַּיי אִים לַייכְט נִיט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן רֶעכְנְט עֶר זִיךְ נִיט מִיט קֵיין זַאךְ און עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ עוֹל מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

## The First Step – and the Need for a Second

**8. In view of the above, it follows that the water libation should precede the wine libation, for the water libation can be brought at the onset of the first night of Sukkos, while** the time of **the wine libation begins on the morning of the following day.**

**The spiritual counterpart** of the above **is** that although *kabbalas ol* (the water libation) must come first, the wine libation was brought together with the water libation. The implication is that ***kabbalas ol* alone is not sufficient.** A person **must endeavor that also his mind understand that it is necessary to serve G-d.** The necessity for such an endeavor can be inferred from the charge,[17] **"All the fat [must be offered] to G-d,"** which is interpreted[18] as meaning, **"All the best things must be given to G-d." Now, is there a better and more enjoyable thing that a person has besides** his **mind? As such, the mind must also be subjugated to G-dliness.**

**However, this does not mean that one should carry out *mitzvos* based on and** dictated by the

ח. לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז נִסּוּךְ הַמַּיִם קוּמְט פַאר נִסּוּךְ הַיַּיִן. וָוארוּם נִסּוּךְ הַמַּיִם אִיז שַׁיָּיךְ בַּאלְד פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער נַאכְט סֻכּוֹת און נִסּוּךְ הַיַּיִן הוֹיבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן אוֹיף מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער עִנְיָן אִין רוּחְנִיּוּת:

קַבָּלַת עוֹל אַלֵיין אִיז וֵוייניק. מֶען דַארְף זִיךְ בַּאמִיעֶן אַז אוֹיךְ דֶער שֵׂכֶל זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וָוארוּם עֶס אִיז דָאךְ כָּל חֵלֶב לַהֲוָיָ', אַלֶע בֶּעסְטֶע זַאכְן דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן[יח], און וָואוּ אִיז דָא בַּיי דֶעם מֶענְטְשְׁן אַ בֶּעסֶערֶע און גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ ווי שֵׂכֶל, בְּמֵילָא דַארְף מֶען אוֹיךְ דֶעם שֵׂכֶל מְשַׁעְבֵּד זַיְין צוּ אֱלֹקוּת.

אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִיט אַז דֶער

---

17. *Vayikra* 3:16.

**18. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 326ff.,** where this concept is explained **at length.**

mind's **logic.** There is a difficulty with such an approach because we are continuously challenged by the *yetzer hara*; **as our Sages taught,**[19] **"If the Holy One, blessed be He, would not help a person, he could not overcome [the *yetzer hara*]."** Thus, our own logical capabilities do not suffice and **we must rely on G-d's assistance.** How, then, is it possible to **bond with G-d** and elicit **His assistance? Through *kabbalas ol.***

**Indeed, the foundation of a person's Divine service must be *kabbalas ol,* and, on the basis of *kabbalas ol,* he can [build] understanding. Otherwise, the *yetzer hara* will** prevent the person from **attaining** true **comprehension.**

This motif **was** also operative **at the time of the Giving of the Torah, which began with** the Jews making the commitment[20] **[the passage beginning] "we will do" before "we will listen."** Their pledge was an expression of ***kabbalas ol.* They did not at all know** what they were committing themselves to, **and thus, it is understood that they could not yet derive any enjoyment** from this commitment. Instead, **they accepted the Torah out of *kabbalas ol.***

**The same pattern should be followed by every person in his individual Divine service,** as reflected in **the saying,**[21] **"Why is [the passage] *Shema* recited before [the passage beginning] *Vehaya im shamo'a?*** So that **one should first accept the yoke of the sovereignty of Heaven and [only] then accept the yoke of *mitzvos.*"**

**The emphasis is on the word, "yoke," something in which one does not take any pleasure. As the Alter Rebbe explains in *Tanya*[22] at length, "Just like the ox on which one first places a yoke** so that it will become useful for the world... so too must a human being first submit to the yoke of the Kingdom of Heaven... **and if this [submission] is not found within him,** holiness cannot rest on him." The implication is that without *kabbalas ol,* **he will not be able to attain even Divine service motivated by comprehension.**

קִיּוּם הַמִּצְוֹות זָאל זַיְין מִצַּד און לוֹיט שֵׂכֶל, אַדְּרַבָּה, דֶער יְסוֹד הָעֲבוֹדָה אִיז קַבָּלַת עוֹל דַּוְקָא. און דוּרְךְ דֶער הַקְדָּמָה פוּן קַבָּלַת עוֹל קֶען דֶערמָאלְט זַיְין דִי הַשָּׂגָה.

וָוארוּם עֶס אִיז דָאךְ אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ אֵין יָכוֹל לוֹ[לט], מוּז מֶען דָאךְ אָנְקוּמֶען צוּם עֵזֶר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און נֶעמֶען דֶעם אוֹיבֶּערשְׁטְן קֶען מֶען דוּרְךְ קַבָּלַת עוֹל דַּוְקָא, אָבֶּער אָן קַבָּלַת עוֹל הָאט מֶען נִיט דֶעם עֵזֶר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, בְּמֵילָא אִיז צוּלִיבּ דֶעם יֵצֶר הָרָע הָאט מֶען דִי הַשָּׂגָה אוֹיךְ נִיט.

אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה, אַז דִי הַתְחָלָה אִיז גֶעווֶען, הַקְדָּמַת נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמָע, ווָאס דָאס אִיז דָאךְ קַבָּלַת עוֹל. ווָארוּם ווִיבַּאלְד זַיי הָאבְּן נָאךְ לְגַמְרֵי נִיט גֶעווּאוּסְט ווֶעגְן ווָאס עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ, אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז זֵיי הָאבְּן נִיט גֶעקֶענְט הָאבְּן אִין דֶעם קֵיין טַעַם און גֶעשְׁמַאק, נָאר זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעווֶען דִי תּוֹרָה מִצַּד קַבָּלַת עוֹל.

און אַזוֹי אוֹיךְ בַּעֲבוֹדָה הַפְּרָטִית שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן[מ]: לָמָּה קָדְמָה פַּרְשַׁת שְׁמַע לִוְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ כְּדֵי שֶׁיְּקַבֵּל עָלָיו עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם תְּחִלָּה וְאַחַר כַּךְ יְקַבֵּל עָלָיו עֹל מִצְוֹות. אִיז דֶער דִיּוּק הַלָּשׁוֹן עֹל דַּוְקָא, אַ יָאךְ, ווָאס עֶר הָאט נִיט אִין דֶעם קֵיין גֶעשְׁמַאק. און ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין תַּנְיָא[מא] בַּאֲרוּכָה, כְּהַאי תּוֹרָא דְּיָהֲבִין עֲלֵיהּ עוֹל בְּקַדְמֵיתָא כו׳, וְאִי הַאי לָא אִשְׁתְּכַח גַּבֵּיהּ, קֶען עֶר אֲפִילוּ דִי עֲבוֹדָה פוּן הַשָּׂגָה אוֹיךְ נִיט הָאבְּן.

---

**19.** ***Kiddushin*** **30b.**

20. See *Shmos* 24:7; *Shabbos* 88a.

**21.** ***Berachos*** **13a.**

**22.** ***Tanya,*** **ch. 41,** based on ***Zohar,*** **Vol. III, p. 108a.**

**On this basis, we can** also **understand an exchange between** the Sage **Rava and a Sadducee** recorded in the Talmud:[23] The Sadducee criticized the Jewish people for being an **"impulsive nation who gave precedence to their mouths** [(with the pledge 'we will do')] **over their ears** [(the pledge 'we will listen')]**."** **Rava** justified the Jews having **pledged "we will do" before "we will listen,"** explaining, **"The wholesome commitment of the upright will guide them."[24] The Jews' wholesome commitment** of *kabbalas ol* in making that pledge **would** "guide them" and lead them to **ultimately gain comprehension.** By contrast, as the verse Rava cited continues, **"The perversity of the faithless"** – i.e., those who disregard and even betray their faith, **following solely the approach of the mind – "will destroy them."** They **will ultimately lose even their intellectual** attainments.

**The foundation of Divine service is *kabbalas ol*. Nevertheless, as stated previously, it is also necessary to subjugate one's mind to G-dliness. However, the Divine service** based on **comprehension can come** only **after first** establishing a foundation **of *kabbalas ol*.**

**Therefore,** to refer back to the service in the *Beis HaMikdash* on Sukkos, **the water libation comes first; it begins at the very onset of the festival. Afterwards, it is possible to – and,** indeed, **we must – proceed to the Divine service of comprehension, the wine libation.**

דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַאְרשְׁטֵיין וָואס רָבָא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם צְדוֹקִי אוֹיף זַיְין טַעֲנָה[מב]: עַמָּא פְּזִיזָא דְקַדְמִיתוּ פּוּמַיְכוּ לְאוּדְנַיְכוּ. הָאט אִים רָבָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, תֻּמַּת יְשָׁרִים - דָאס מֵיינְט דִי תְּמִימוּת פוּן דִי אִידְן שֶׁהִקְדִימוּ נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמָע - תַּנְחֵם, אַז סוֹף כָּל סוֹף קוּמְט עֶס אַרָאפּ אוֹיךְ אִין הַשָּׂגָה, וְסֶלֶף בּוֹגְדִים - בְּשַׁעַת מֶען ווִיל גֵיין עַל פִּי שֵׂכֶל דַוְקָא - תְּשָׁדֵם, אַז סוֹף כָּל סוֹף פַארְלִירְט מֶען אוֹיךְ דִי הַשָּׂגָה.

דֶער יְסוֹד הָעֲבוֹדָה אִיז קַבָּלַת עוֹל, אָבֶער, ווִי גֶעזָאגְט פְּרִיעֶר, דַארְף מֶען אוֹיךְ דֶעם שֵׂכֶל מְשַׁעְבֵּד זַיְין צוּ אֱלֹקוּת, נָאר דִי עֲבוֹדָה פוּן הַשָּׂגָה קֶען קוּמֶען נָאךְ דֶער הַקְדָּמָה פוּן קַבָּלַת עוֹל דַוְקָא כַּנַ"ל. דֶערְפַאר אִיז דֶער דִין אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז נִסּוּךְ הַמַּיִם, דָאס אִיז דֶער אָנְהוֹיבּ בַּאלְד מִשֶּׁקִּדֵּשׁ הַיּוֹם. אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען, אוּן דַארְף מֶען, צוּגֵיין צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן הַשָּׂגָה, נִסּוּךְ הַיַּיִן.

## Water and Food

**9. In his commentary on the Mishnah,[25] *Rambam* explains the reason for the Mishnah's ruling, "Everything can be used for an *eiruv*[26] except water,"** stating that **nourishing food must** be used for **an *eiruv* and water is not nourishing food; it merely enables nourishment** to be conveyed **to all parts of the body.**

ט. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִין פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנַיוֹת[מג] אַ טַעַם אוֹיף דֶער מִשְׁנָה בַּכֹּל מְעָרְבִין חוּץ מִן הַמַּיִם, ווַיְיל אוֹיף אַן עֵירוּב דַארְף מֶען הָאבְּן אַ דָבָר הַמֵּזִין אוּן מַיִם אִיז נִיט מֵזִין, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס עֶס פִירְט פַאנַאנְדֶער דֶעם עֶסְן אִין אַלֶע טֵיילְן פוּן קֶערְפֶּער.

23. *Shabbos* 88a-b.

24. *Mishlei* 11:3. We are translating the verse according to the context in which it is used in the *sichah*.

25. *Eiruvin* 3:1.

26. The reference here is to an *eiruv techumim*, a *halachic* convention that extends a person's *Shabbos* boundaries, and not to an *eiruv chatzeros*, a convention that allows a person to carry in an enclosed area on *Shabbos*.

**A similar concept applies regarding *kabbalas ol* that resembles water. In and of itself, it is not enjoyable; it does not nourish. However, it** has the propensity to **increase comprehension,** leading to the nourishment of the soul.

אַזוֹי אוֹיךְ קַבָּלַת עוֹל וָואס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ מַיִם, אִיז אִין אִיר אַלֵיין נִיטָא קֵיין גֶעשְׁמַאק, עֶס אִיז נִיט קֵיין דָבָר הַמֵזִין, אָבֶער דוּרְךְ דֶעם קוּמְט צוּ אוֹיךְ אִין הַשָּׂגָה כַּנַ"ל.

## Continuously Awake

**10. Just as *kabbalas ol* itself contributes to one's comprehension, so too, the happiness generated by *kabbalas ol* infuses additional happiness in** the Divine service of **comprehension. Therefore,** the festival of **Sukkos was infused with happiness** to the extent that, **as the Talmud states,[27] "We did not taste sleep." Throughout the entire time** of the festival, **even during the time of the wine libation,** the joy of the holiday energized the people and they did not taste sleep.

**While asleep,** from a certain standpoint, **a person is** no different than **an animal,** for then, his loftier, human faculties are dormant. **However, the Divine service of *kabbalas ol* banishes sleep – throughout the entire seven days of Sukkos, even during the time of the wine libation. And by** banishing sleep – i.e., the negative dimensions of it that reduce a human to an animal level – during Sukkos, those negative dimensions are banished **for all of the seven days of the week of the entire year** since, as mentioned,[28] the seven days of Sukkos contain the potential for the seven days of the week of the entire year. **At all times and under all circumstances, a person will not experience** spiritual **slumber.** On the contrary, he **will** continually **serve G-d "with happiness and gladness of heart, out of an abundance of all things."[29]**

י. אַזוֹי ווִי עֶצֶם קַבָּלַת עוֹל גִיט צוּ אוֹיךְ אִין הַשָּׂגָה, אַזוֹי אוֹיךְ דִי שִׂמְחָה שֶׁמִצַד קַבָּלַת עוֹל גִיט אַרַיְין אַ תּוֹסֶפֶת שִׂמְחָה אִין הַשָּׂגָה. דֶערְפַאר אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַיְיט פוּן סֻכּוֹת, ווִי עֶס שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן אִין גְמָרָא[מד], שֶׁלֹא טָעַמְנוּ טַעַם שֵׁנָה, אוֹיךְ אִין דֶער צַיְיט פוּן נִסוּךְ הַיַיִן.

בְּשַׁעַת הַשֵּׁנָה אִיז דֶער אָדָם ווִי אַ בְּהֵמָה, דִי עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עוֹל אָבֶער פַארְטְרַיְיבְט דִי שֵׁנָה, אוֹיךְ אוֹיף דֶער צַיְיט פוּן נִסוּךְ הַיַיִן, אוֹיף דִי גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג פוּן סֻכּוֹת, אוּן דוּרְךְ זֵיי אוֹיךְ אוֹיף דִי ז' יְמֵי הַשָּׁבוּעַ שֶׁבְּכָל מֶשֶׁךְ הַשָּׁנָה[מה], אַז אִין אַלֶערְלֵיי זְמַנִים אוּן אַלֶערְלֵיי אוֹפַנִים זָאל נִיט זַיְין קֵיין שֵׁנָה אוּן עֶס זָאל זַיְין דֶער עָבַדְתָּ אֶת הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל.

## A Perplexing Talmudic Story

**11. On this basis, it is also possible to understand** the symbolism of **a Talmud passage** concerning *Simchas Beis HaShoevah:*[30] **The *kohen* who would pour the water on the Altar would be told, "Raise your**

יא. דֶערְמִיט ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא[מו] אַז מֶען פְלֶעגְט זָאגְן דֶעם כֹּהֵן הַמְנַסֵךְ אֶת הַמַיִם, הַגְבֵּהַ יָדְךָ.

27. *Sukkah* 53a.

28. See sec. 1 above.

29. Cf. *Devarim* 28:47.

30. *Sukkah* 48b.

**hands.**" This practice was instituted because, once, a *kohen* who **was a Sadducee poured** the water for the water libation **over his feet.** (He did so since **the Sadducees did not acknowledge** the obligation of **the water libation because, as *Rambam*[31] explains, it is not explicitly mentioned in the** Written **Torah. There is only a** subtle **hint** in the Written Torah from which **our Sages derived the *mitzvah* of the water libation. The Sadducees did not acknowledge the Oral Law** and, accordingly, did not accept the obligation of the water libation.)

**All the people** present in the *Beis HaMikdash* at that time **stoned** the Sadducee *kohen* **with their *esrogim*. From that time onward,** the custom **was instituted to tell the** *kohen* **pouring** the water libation, **"Raise your hands," so that** it was obvious that **he was pouring the water into the funnel** on the Altar.

**On the surface, there are several points** in the story **that require clarification:**

a) **Since the Sadducee did not acknowledge** the obligation to offer **the water libation, he should have refused to pour the water at all. Why did he pour it on his feet?**

b) **Why did "all the people" stone him? When** a *kohen* **deviates from the** prescribed **manner of sacrificial service** in the *Beis HaMikdash,* **he is liable for death at the hands of Heaven. Alternatively,** in certain instances, **the matter is delegated to the zealous, as stated in the law,**[32] **"The zealous shall strike him."** Why, in this instance, **was it "all the people" who stoned him?**

c) Why did they stone him **specifically with their *esrogim?***

**All of these questions can be answered based on the above explanation regarding the water libation.**

---

31. ***Rambam's Commentary on the Mishnah, Sukkah*** 4:9.

32. See *Sanhedrin* 9:6.

וַוְיל עֶס אִיז אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צְדוּקִי שֶׁנִּסֵּךְ עַל גַּבֵּי רַגְלָיו - דִי צְדוּקִים זַיְינֶען נִיט מוֹדֶה אִין נִיסּוּךְ הַמַּיִם, ווִי דֶער רַמְבַּ"ם אִיז מְבַאֵר דֶער טַעַם[מז], וַוְייל נִיסּוּךְ הַמַּיִם שְׁטֵייט נִיט בְּפֵירוּשׁ אִין דֶער תּוֹרָה, עֶס אִיז נִיט מֶער ווִי אַ רֶמֶז וָואס דֶערְפוּן הָאבְּן דִי רַזַ"ל אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי מִצְוָה פוּן נִיסּוּךְ הַמַּיִם, אוּן דִי צְדוּקִים הָאבְּן נִיט מוֹדֶה גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה - וּרְגָמוּהוּ כָּל הָעָם בְּאֶתְרוֹגֵיהֶם. אִיז פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט מֶען אַיְינְגֶעפִירְט מֶען זָאל זָאגְן דֶעם מְנַסֵּךְ: הַגְבַּהּ יָדְךָ, בִּכְדֵי עֶר זָאל אַרַיְינְגִיסְן דִי מַיִם אִין סֵפֶל.

אִין פְּלוּג זַיְינֶען אִין דֶעם עֶטְלֶעכֶע עִנְיָנִים נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: א) ווִיבַּאלְד אַז דִי צְדוּקִים זַיְינֶען נִיט מוֹדֶה אִין נִיסּוּךְ הַמַּיִם הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן נִיט גֶעדַארְפְט מְנַסֵּךְ זַיְין, פַארְוָואס נִסֵּךְ עַל גַּבֵּי רַגְלָיו? ב) פַארְוָואס רְגָמוּהוּ כָּל הָעָם, אוֹיף אַ שִׁינּוּי אִין עֲבוֹדָה קוּמְט אָדֶער מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם אָדֶער עֶס אִיז שַׁיָיךְ צוּ קַנָּאִים, ווִי דֶער דִין פוּן קַנָּאִים פּוֹגְעִין בּוֹ, אִיז פַארְוָואס רְגָמוּהוּ כָּל הָעָם? ג) וָואס אִיז דֶער דִיּוּק בְּאֶתְרוֹגֵיהֶם דַוְקָא?

אָבֶּער לוֹיט דֶעם אוֹיבְּן־גֶעזָאגְטְן וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן נִיסּוּךְ הַמַּיִם וֶועלְן וֶוערְן פַארֶענְטְפֶערְט אַלֶע דִיּוּקִים.

## Understanding the Sadducees

**12. The approach of the Sadducees was that the Torah had to be accepted based on** mortal **wisdom. For that reason, they did not accept the tradition of our Sages. In truth,** the tradition of our Sages is the foundation of our Torah. This tradition originated when **Moshe received the Torah at Sinai and communicated it to Yehoshua,** who communicated it to the elders, who passed it on in an unbroken chain until it became codified as Jewish Law. As such, **every law mandated by the *Shulchan Aruch* or other works** of Torah Law **which are accepted by the Jewish community may not be questioned. True, we must strive to understand** the Torah **to** the full extent of **our capacity. However, even when there is something that we do not understand, we must carry out** the law **as stated. By contrast, the Sadducees claimed that "the Torah is not in the heavens"**[33] **and, therefore, every person can accept the Torah as he understands it.**

יב. דִי שִׁיטָה פוּן דִי צְדוֹקִים אִיז גֶעוועֶן אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען תּוֹרָה עַל פִּי שֵׂכֶל. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִיט מוֹדֶה גֶעוועֶן אִין מְסוֹרֶת חֲזַ"ל. דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ אַז מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ וכו׳ בִּיז אַז יֶעדֶער הֲלָכָה וָואס אִיז אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים וָואס זַיְינֶען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן, אִיז אֵין לְהַרְהֵר אַחֲרֵיהֶם. מֶען דַארְף זִיךְ טַאקֶע מִשְׁתַּדֵּל זַיְין אוֹיף צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וִויפְל עֶס אִיז מֶעגְלֶעךְ, אָבֶּער אוֹיךְ דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִיט דַארְף מֶען טָאן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט. אָבֶּער דִי צְדוֹקִים הָאבְּן גֶע׳טַעֲנֶה׳ט אַז וִויבַּאלְד תּוֹרָה לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא, קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער נֶעמֶען תּוֹרָה לְפִי שִׂכְלוֹ.

**Therefore,** the Sadducees **agreed to** the practice of **the wine libation, which corresponds to understanding and comprehension. However, they opposed the water libation, which corresponds to *kabbalas ol.***

דֶערְפַאר אִיז אוֹיף נִיסּוּךְ הַיַּיִן, וָואס זַיְין עִנְיָן אִין הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוועֶן, אָבֶּער אוֹיף נִיסּוּךְ הַמַּיִם, וָואס זַיְין עִנְיָן אִיז קַבָּלַת עֹל, הָאבְּן זֵיי מְנַגֵּד גֶעוועֶן.

The Sadducees would concede that ordinary **women and common people, and even businessmen whose minds are occupied with their financial matters and not the Torah, must follow the instructions that they are given. However, according to the approach of the Sadducees, those who give the instructions** – the ones occupied with and **devoted to Torah study – need not nullify** their understanding **to the tradition passed on by the Sages. Since the** scholars **are also immersed in Torah study,** their understanding should be reckoned with, as our Sages taught,[34] **"Yiftach in his generation was equivalent**

נָשִׁים וְעַמֵּי הָאָרֶץ, אוֹיךְ בַּעֲלֵי עֲסָקִים וָואס זֵייעֶר שֵׂכֶל אִיז טָרוּד אִין עֵסֶק אוּן נִיט אִין תּוֹרָה, מוּזְן זִיךְ טַאקֶע פִירְן לוֹיט דִי הוֹרָאוֹת וֶועלְכֶע מֶען גִיט זֵיי אַרוֹיס. אָבֶּער דִי וֶועלְכֶע עֶס גִיבְּן אַרוֹיס דִי הוֹרָאוֹת, זֵיי לִיגְן דָאךְ אִין תּוֹרָה, אִיז זֵיי - לְשִׁיטַת הַצְּדוֹקִים - דַארְפְן נִיט זַיְין בָּטֵל צוּ מְסוֹרֶת חֲכָמִים, וָוארוּם זֵיי אַלֵיין לִיגְן דָאךְ אוֹיךְ אִין תּוֹרָה, וְיִפְתָּח

---

33. Cf. *Devarim* 30:12; *Bava Metzia* 59b. The implication is that Torah Law is decided by the Sages in this world.

**34. *Rosh HaShanah* 25b.**

**to Shmuel in his generation," and, "The Torah gave equal weight to three of the least distinguished** Jewish leaders **as to the three most substantial,"**[34] because **"the Torah is not in the Heavens."**[33] As such, the Sadducees argued, the scholars of every generation – themselves included – may determine Torah Law according to their own understanding.

**This explains why the Sadducee** *kohen* **poured the water over his feet.** The symbolism of his act can be explained as follows: **Since he himself was a** ***kohen*****,**[35] **serving G-d in the** ***Beis HaMikdash,*** he felt that **he** personally **did not require** ***kabbalas ol.*** **However, he poured the water over his feet.** By doing so he implied that, **according to his understanding, the ordinary people – who are referred to as "600,000 feet of the people"**[36] **– should accept with** ***kabbalas ol*** **the directives that he delivered.**

Similarly, **concerning his own** conduct, he would concede that those **matters involving "the feet,"** i.e., ordinary material matters, **should** be carried **out with** ***kabbalas ol.*** **However,** his approach was that he should be able to **follow** his own **feelings when it comes to those matters involving the mind and the heart, instead of having them** dictated by ***kabbalas ol.***

בְּדוֹרוֹ כִּשְׁמוּאֵל בְּדוֹרוֹ[מח], וְשָׁקַל הַכָּתוּב שְׁלֹשָׁה קַלֵּי עוֹלָם כְּנֶגֶד שְׁלֹשָׁה חֲמוּרֵי עוֹלָם, וְתוֹרָה לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא.

און דָאס אִיז וואָס דֶער צְדוֹקִי נִסֵּךְ עַל גַּבֵּי רַגְלָיו: עֶר אַלֵיין, וויבַּאלְד עֶר אִיז אַ כֹּהֵן אִין מִקְדָּשׁ וּמְשָׁרֵת אֶת ה׳[מט], דַארְף עֶר נִיט אָנְקוּמֶען צוּ קַבָּלַת עֹל, אָבֶּער נִסֵּךְ עַל גַּבֵּי רַגְלָיו, אַז פוּן אִים זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען הוֹרָאוֹת בְּדֶרֶךְ קַבָּלַת עֹל צוּ דִי שֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף רַגְלֵי הָעָם.

– אַזוֹי אִיז פַאראַן דֶער עִנְיָן אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ צוּ זִיךְ אַלֵיין, אַז דִי עִנְיָנִים פוּן רַגְלַיִם זָאלְן זַיְין בְּקַבָּלַת עֹל, אָבֶּער דִי עִנְיָנִים פוּן מוֹחַ וְלֵב זָאלְן זַיְין מִצַּד הַהֶרְגֵּשׁ און נִיט מִצַּד קַבָּלַת עֹל –

## When *Mesirus Nefesh* Shines

**13. This is why** the Sadducee *kohen* **was stoned by "all the people," not by the** ***kohanim*****, but specifically by the simple,** ordinary **people. The** ***kohanim*** **served in the** ***Beis HaMikdash*** **and continuously perceived G-dliness.** As such, although – like those **who are intellectual** in nature – they **placed** ***kabbalas ol*** **at the foundation of their Divine service – they nevertheless** faced a conflict when confronted with an approach which emphasized a commitment to G-d that is based solely on logic. Since their Divine service resembled an approach based on **intellect, when** the Sadducee **came and argued that logic** and rea-

יג. און דָאס אִיז אוֹיךְ וואָס רְגָמוּהוּ כָּל הָעָם, נִיט דִי כֹּהֲנִים נָאר דֶער פָּשׁוּט'עֶר עַם דַּוְקָא, וואָרוּם דִי בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה, הֲגַם אַז דֶער יְסוֹד פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז קַבָּלַת עֹל, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז מִצַּד דֶעם וואָס זֵיי הָאבְּן שֵׂכֶל, אִיז בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט אֵיינֶער און טַעֲנֶה'ט אַז מֶען

35. See *Rambam,* **the end of** ***Hilchos Shemitah VeYovel,*** which states **that the significance of a** ***kohen*** **is that he is one whose "spirit generously motivates him** and he understands with his wisdom to set himself aside and stand before G-d to serve Him and minister to Him."

36. Cf. *Bamidbar* 11:21.

son **are sufficient and *kabbalas ol* is not necessary, they found it difficult to reply** and counter the Sadducee argument forcefully even if they rejected it. The opposite argument that **logic** and reason **alone are not sufficient did not resonate so strongly within them. By contrast, when the simple,** common **people heard such a claim – that *kabbalas ol* is not necessary – they immediately sensed that this was against G-d's will** and reacted strongly.

To compare this to **a similar concept: In other sources,[37] it is clarified that the power of *mesirus nefesh*** (self-sacrifice) **shines more powerfully in the era of exile than it did in the era of the *Beis HaMikdash.* The reason is that due to the revelation of G-dliness that characterized the era of the *Beis HaMikdash*** – as reflected in the fulfillment of the promise,[38] **"If you follow My statutes… I will give your rains…." – *mesiras nefesh*** was not as **necessary. Similarly,** both **during the era of the *Beis HaMikdash* and the era of exile, the power of *mesirus nefesh* shines more** vigorously **within simple people than within the intellectuals.**

דַארְף נִיט קֵיין קַבָּלַת עֹל אוּן עֶס אִיז גֶענוּג שֵׂכֶל, אִיז שְׁוועֶר צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, וְוָארוּם בַּיי זֵיי הֶערְט זִיךְ נִיט אָן אוֹיף אַזוֹי פִיל אַז שֵׂכֶל אַלֵיין אִיז וֵוייִנִיק. אָבֶער דֶער פָּשׁוּט'עֶר עַם דַוְקָא, בְּשַׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזַא טַעֲנָה אַז מֶען דַארְף נִיט אָנְקוּמֶען צוּ קַבָּלַת עֹל, הָאבְּן זֵיי בַּאלְד מַרְגִישׁ גֶעווֶען אַז עֶס אִיז הֵיפֶךְ רָצוֹן הָעֶלְיוֹן.

וְעַל דֶּרֶךְ ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין אַן אַנְדֶער אָרְט[ז] אַז בִּזְמַן הַגָּלוּת אִיז מֵאִיר דֶער כֹּחַ הַמְסִירַת נֶפֶשׁ מֶערֶער ווִי בִּזְמַן הַבַּיִת, וַוייל מִצַד דֶעם גִילוּי אֱלֹקוּת ווָאס עֶס אִיז גֶעווֶען בִּזְמַן הַבַּיִת, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם וגו', הָאט מֶען נִיט גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען אַזוֹי פִיל צוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ – אִיז אַזוֹי אוֹיךְ בִּזְמַן הַבַּיִת אוּן בִּזְמַן הַגָּלוּת גוּפָא, אִיז בַּיי אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים מֵאִיר מֶערֶער דֶער כֹּחַ פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ ווִי בַּיי בַּעֲלֵי שֵׂכֶל.

## The Effect of *Kabbalas Ol* on One's Mind

**14.** Building on the above concepts, it can also be explained why the people stoned the Sadducee *kohen* **specifically with their *esrogim:***

**Of the four species – the *esrog,* the *lulav,* the myrtle, and the willow – the *esrog* possesses the loftiest quality. The *esrog* has both** a pleasant **taste and fragrance.** The parallel to the *esrog* **in our soul powers is the intellect, for intellect is** man's **loftiest power.**

**This is what is meant by the people "stoning him with their *esrogim*." They replied to the Sad-**

יד. דֶער דִיוּק פוּן בְּאֶתְרוֹגֵיהֶם אִיז:

אִין דִי ד' מִינִים אֶתְרוֹג לוּלָב הָדָס וַעֲרָבָה, אִיז אִין אֶתְרוֹג דִי הֶעכְסְטֶע מַעֲלָה, ווָארוּם אֶתְרוֹג יֵשׁ בּוֹ טַעַם וְיֵשׁ בּוֹ רֵיחַ. אִין כֹּחוֹת הַנֶפֶשׁ אִיז דָאס שֵׂכֶל, ווָאס כֹּחַ הַשֵּׂכֶל אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער כֹּחַ. אוּן דָאס מֵיינְט וּרְגָמוּהוּ כָּל הָעָם בְּאֶתְרוֹגֵיהֶם, אַז מִיט ווָאס הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט

---

**37. See the beginning of *Sefer HaMaamarim Yiddish,* and the *maamar* entitled *Ein HaKadosh Baruch Hu Ba Betrunia,* 5685 (*Sefer HaMaamarim Kuntreisim,* Vol. 3, *kuntreis* 105; *Sefer HaMaamarim 5685,* p. 257).**

38. *Vayikra* 26:3-4. The Rebbe's intent is that in the era of the *Beis HaMikdash*, not only were miracles apparent in the *Beis HaMikdash* itself (*Avos* 5:5), but that Divine Providence was evident even in the people's daily life. There was a direct correlation between their observance of *mitzvos* and manifestation of G-d's blessings. As such, there was no real need for *mesiras nefesh,* since it was obvious that the observance of the Torah and its *mitzvos* led to blessing.

**ducee with their** ***esrogim,*** with their loftiest faculties. **They understood – and clarified to the Sadducee – that even from the approach of intellect and pleasure, his attitude ran contrary to G-d's will.** Their approach to Divine service **was characterized by** ***kabbalas ol*** – that defined their nature. As such, **even their logic and pleasure accorded with** ***kabbalas ol.***

**My revered father-in-law, the Rebbe,** Rayatz,[39] **related that there was once a fire in** the town of **Lubavitch and a person, fleeing the blaze, entered a very narrow place. Afterwards,** when the danger passed, and he tried to leave, **he was not able to get out.**

**Now, since the** entrance **was so narrow that the person was not able to leave, how, then, could he have entered originally,** to paraphrase a Talmudic expression,[40] **"As it absorbs it, so too, it releases it." However,** because of the danger, the person's **great desire to live brought about a contraction in his** actual **physical flesh.**

Now, consider, **if a person's will can have such an effect on his body, how much more so can it affect his mind. We also see** this motif at work **concerning a bribe. The bribe generates within the judge a will** to help the person who gave it, and so his **mind is influenced in** a particular **direction.**[41] Similarly, the Jews' commitment to *kabbalas ol* also shapes the functioning of their minds and even their powers of pleasure that transcend their minds, enabling them to understand that the ultimate perfection of intellect is achieved by transcending intellect.

דֶעם צְדוֹקִי - בְּאֶתְרוֹגֵיהֶם, אוֹיךְ מִיט זֵייעֶר שֵׂכֶל וְתַעֲנוּג הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם צְדוֹקִי אַז זַיְין שִׁיטָה אִיז הֵיפֶּךְ רָצוֹן הָעֶלְיוֹן. ווַיְיל בַּיי אַ קַבָּלַת עֹל'נִיק אִיז אוֹיךְ זַיְין שֵׂכֶל וְתַעֲנוּג לוֹיט דֶעם קַבָּלַת עֹל.

כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אִין לִיוּבַּאווִיטְשׁ אִיז גֶעווֶען אַמָאל אַ שְׂרֵיפָה, אִיז אֵיינֶער אַנְטְלָאפְן פוּן דֶער שְׂרֵיפָה אוּן אַרַיְינְגֶעלָאפְן אִין זֵייעֶר אַן עֶנְגֶען אָרְט, וואָס עֶר הָאט פוּן דָארְטְן נִיט גֶעקֶענְט דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֵיין. לִכְאוֹרָה, ווִיבַּאלְד אַז דֶער אָרְט אִיז גֶעווֶען קְלֵיין, וואָס דֶערְפַאר הָאט עֶר פוּן דָארְטְן נִיט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין, הַיְינְט ווִי אַזוֹי אִיז עֶר לְכַתְּחִלָּה אַרַיְין אַהִין? עֶס אִיז דָאךְ כְּבוֹלְעוֹ כַּךְ פּוֹלְטוֹ. נָאר דֶער עִנְיָן אִיז, אַז פְרִיעֶר אִיז מִצַּד דֶעם גוֹדֶל הַתְּשׁוּקָה צוּ לֶעבְן, הָאט עֶס גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ כִּיווּץ אִין בְּשַׂר הַגּוּף.

הַיְינְט מַה־דָאךְ אַז רָצוֹן קֶען פּוֹעֵל'ן אוֹיפְן גוּף, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז רָצוֹן קֶען פּוֹעֵל'ן אוֹיף שֵׂכֶל.

אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אוֹיךְ לְגַבֵּי שׁוֹחַד, אַז מִצַּד רָצוֹן ווֶערְט אַ נְטִיָּה אוֹיךְ אִין שֵׂכֶל.

## When the Altar Became Blemished

**15. On this basis, it is also possible to understand** the continuation of **the passage in the Talmud,**[42] **"On**

טו. דֶערְמִיט ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וואָס עֶס שְׁטֵייט אִין

39. See the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 4, p. 211; *Sefer HaMaamarim 5687,* p. 165.

40. *Pesachim* 74a, b; *Avodah Zarah* 76b. In the context of the *sichah,* the intent is that since he was able to enter, he should have been able to leave.

41. See *Devarim* 16:19. The intent of this verse is not only that a judge who took a bribe may consciously pervert the judgment in favor of his benefactor, but also even if he is not consciously perverting judgment, his mind will already start to see things from the perspective of his benefactor.

**42.** ***Sukkah*** **48b.**

**that day, the horn of the Altar became blemished and they brought a lump of salt and sealed it."**

**The purpose of the Altar** was to elevate **the fat and the blood,** symbolizing pleasure and vitality, **i.e., the choicest portions, of the sacrifices that were offered. As is well known,**[43] **the person offering a sacrifice was required to think that everything being done with the animal should have been done to** him himself. **In the context of a person's Divine service,** the offering of the fat and blood on **the Altar** implied that he should sacrifice and subjugate **his loftiest powers, including his mind, to G-d.**

Since **a slaughtering knife makes meat** – i.e., a lowly dimension of existence – **fit to be eaten** by man, **it may not be blemished. Similarly, the Altar – upon which were offered** the sacrifices that elevated **even their lofty aspects** to G-d – **could not be blemished.** Aspects of these **two concepts can be derived from one another.**[44] Just as *kabbalas ol* is necessary to elevate the lowly dimensions of existence, it is necessary to elevate the loftier ones as well. **Thus, when there is a blemish** in the Altar, **there is** not only **a lack in the Altar, but also – as a consequence – in the sacrifices.**

**This was the answer to the Sadducee who claimed that intellectual understanding is sufficient and *kabbalas ol* is not necessary. They showed him that a blemish** was made **in the Altar,** i.e., **there was a blemish in** the necessary ***kabbalas ol,*** the power to elevate the sacrifices. That blemish, in turn, **caused also a deficiency in the sacrifices,** i.e., **in understanding.**

גְּמָרָא[נא], וְאוֹתוֹ הַיּוֹם נִפְגְּמָה קֶרֶן הַמִּזְבֵּחַ וְהֵבִיאוּ בּוּל שֶׁל מֶלַח וּסְתָמוּהוּ.

דֶער עִנְיָן פוּן מִזְבֵּחַ אִיז וָואס אוֹיף אִים הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם חֵלֶב וְדָם פוּן דִי קָרְבָּנוֹת, דָאס הֵייסְט דֶעם מוּבְחָר. עֶס אִיז דָאךְ בַּאוואוּסְט אַז בְּשַׁעַת הַקְרָבַת הַקָּרְבָּן הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן אַז אַלֶע עִנְיָנִים וָואס מֶען טוּט מִיט דֶער בְּהֵמָה הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טָאן מִיט דֶעם מֶענְטשְׁן. אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק לוֹיט דֶעם, אַז דֶער עִנְיַן הַמִּזְבֵּחַ בַּעֲבוֹדָה בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם אִיז דֶער שִׁעְבּוּד כֹּחוֹתָיו הַנַּעֲלִים, אַזוֹי וִוי שֵׂכֶל, צוּ אֱלֹקוּת.

אַזוֹי וִוי אַ סַכִּין אוֹיף שְׁחִיטָה וָואס אִיז מַכְשִׁיר דָאס פְלֵייש צוּם עֶסְן, טָאר אִין אִים נִיט זַיְין קֵיין פְּגִימָה, אַזוֹי אוֹיךְ אַ מִזְבֵּחַ וָואס מֶען אִיז אוֹיף אִים מַעֲלֶה אֲפִילוּ דִי עִנְיָנִים נַעֲלִים, טָארְן אִין אִים נִיט זַיְין קֵיין פְּגִימוֹת, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אָפּ אֵיינֶע פוּן דִי אַנְדֶערֶע[נב], אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ פְּגִימָה, אִיז דָאס אַ חִסָּרוֹן אִין מִזְבֵּחַ, וּבְמֵילָא אוֹיךְ אִין דִי קָרְבָּנוֹת.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶנְטְפֶער צוּם צְדוֹקִי, וָואס הָאט גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז מֶען דַארְף נִיט קֵיין קַבָּלַת עֹל אוּן עֶס אִיז גֶענוּג הַשָּׂגָה, הָאט מֶען אִים בַּאווִיזְן אַ פְּגַם אִין מִזְבֵּחַ - אַ פְּגַם אִין קַבָּלַת עֹל - וָואס מִצַּד דֶעם אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין דִי קָרְבָּנוֹת - הַשָּׂגָה.

## The Benefits of Studying *Pnimiyus HaTorah*

**16. With what did they correct the blemish in the Altar? With salt.**

טז. מִיט וָואס הָאט מֶען מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם פְּגַם אִין מִזְבֵּחַ, מִיט מֶלַח.

43. See *Ramban, Vayikra* 1:9.

44. See *Chulin* 17b.

וְעִנְיָנוֹ בְּרוּחְנִיּוּת:

אִין דֶער מִשְׁנָה בַּכֹּל מְעָרְבִין חוּץ מִן הַמַּיִם, וָואס מֶען הָאט דֶערְמָאנְט פְּרִיעֶר[נג], שְׁטֵייט אוֹיךְ חוּץ מִן הַמֶּלַח. אוּן דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז דֶער זֶעלְבֶּער וָואס אוֹיף מַיִם, וַוייְל מֶלַח אִיז נִיט מֵזִין.

אִין עֲבוֹדָה אִיז דָאס לִימּוּד פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, כָאטשׁ עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס נִיט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען אוּן מֶען מוּז פַארְשְׁטֵיין נִגְלֶה, כְּיָדוּעַ[נד] בְּעִנְיַן קַב חוֹמְטִין וְאֶרֶץ מְלֵחָה, אַז דַוְקָא דָאס גִיט אַ כֹּחַ אִין אַלֶע זֶעקְס סְדָרִים, אוּן דָאס אִיז מְתַקֵּן אוּן הֶעלְפְט עֶס זָאלְן אַרָאפְּגֵיין דִי הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים פוּן שֵׂכֶל וָועלְכֶע פַארְשְׁטֶעלְן אוֹיפְן אֱמֶת, אוּן עֶס זָאל זַיְין אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת אִין תּוֹרָה וּמִצְווֹת, וָואס בְּדֶרֶךְ מִמֵּילָא וָועט זַיְין וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם.

(משיחת שמחת ביה״ש, תשט״ו)

**The spiritual parallel** to salt can be explained based on **the Mishnah mentioned previously,**[45] **"Everything can be used for an *eiruv* except water and salt." The reason is that salt, like water, does not provide nourishment.**

The parallel to salt **in Divine service is the study of *pnimiyus haTorah*** permeated by **faith in the Sages. True,** a person's **understanding** of such concepts is **not as** thorough **as his understanding of ideas in *nigleh*,** the largely legalistic realm of Torah study, **can and must be**. However, such study is vitally necessary, as explained[46] concerning **a measure of *chumtin*, "salty earth,"** which preserves grain.[47] In other words, the study of *pnimiyus haTorah* **empowers** a person to succeed in the study of **all six orders** of the Oral Law.[48] **The study of *pnimiyus haTorah* corrects** misconceptions that could arise **and assists a person in removing the concealment and obstacles that** mortal **intellect creates in perceiving truth.** This leads to **a good and blessed year in** one's Divine service of the **Torah and its *mitzvos*. As a consequence,** the person's upgraded observance will lead to **"I will give your rains in their season."**

---

**45.** *Eiruvin* 3:1. **See sec. 9.**

**46.** ***Likkutei Torah, Vayikra,* p. 4b ff.**

47. See *Shabbos* 31a, which explains that this salty earth was mixed together with wheat to prevent it from spoiling. The implication is that *pnimiyus haTorah,* like salt is not, in and of itself, nourishing, i.e., because it deals with spiritual truths that transcend man's perception, it can never be comprehended as thoroughly as the study of *nigleh.* Nevertheless, the spiritual insight it provides will preserve one's study of those dimensions of Torah that are comparable to wheat, i.e., provide nourishment and sustenance.

48. The Rebbe's words can be understood on the basis of a passage in *Shabbos,* loc. cit.

> What is meant by the verse (*Yeshayahu* 33:6), "The faith of your times shall be a stronghold of salvation, wisdom, and knowledge and the fear of G-d is his treasure"? "Faith," that refers to the Mishnaic order of *Zera'im.* "Your times," that refers to the Mishnaic order of *Moed.* "A stronghold," that refers to the Mishnaic order of *Nashim.* "Salvations," that refers to the Mishnaic order of *Nezikin.* "Wisdom," that refers to the Mishnaic order of *Kodashim.* "Knowledge," that refers to the Mishnaic order of *Teharos.* Even if a person studies and masters all of these, "the fear of G-d is his treasure," it is preeminent.

"The fear of G-d" is acquired through the study of *pnimiyus haTorah,* for it enables a person to appreciate G-d's transcendent greatness. This awareness elevates and preserves a person's study of the Oral Law.

---

ל) יומא כו, ב.
לא) סוכה לג, ב רש״י ד״ה הכי גרסינן.
לב) סוכה פרק ד, הלכה ו.
לג) סוכה פרק ג, ז וראה שו״ת אבני נזר חלק אורח חיים סימן תצה.
לד) ברכות מד, א.
לה) בבא מציעא קז, סוף ע״א.
לו) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 420 הערה 13.
לז) ירושלמי שקלים פרק א הלכה ג.
לח) ראה בארוכה לקו״ש ח״ב ע׳ 326 ואילך.
לט) קדושין ל, ב.
מ) ברכות יג, א.
מא) פרק מא מזהר ח״ג קח, א.
מב) שבת פח, סוף ע״א.

מג) עירובין פרק ג, משנה א.
מד) סוכה נג, א.
מה) כנ"ל סעיף א.
מו) סוכה מח, ב.
מז) בפירוש המשניות סוכה פ"ד מ"ט.
מח) ראש השנה כה, ב.
מט) ועיין ברמב"ם סוף הלכות שמיטה ויובל שענין הכהן הוא, אשר נדבה רוחו וכו'.
נ) ראה ספר המאמרים אידיש בתחלתו. ד"ה אין הקב"ה בא בטרוניא תרפ"ה (בסה"מ קונטרסים ח"ג קונטרס קה. סה"מ תרפ"ה ע' רנז).
נא) סוכה מח, ב.
נב) חולין יז, ב.
נג) סעיף כד.
נד) לקוטי תורה ויקרא ד, ב ואילך.

# SUKKOS VI | חג הסוכות ו

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Sukkos, 5716 (1955)

## Introduction

On festivals, Jewish law requires us to drink wine to fulfill the commandment,[1] "You shall rejoice on your festival." This creates an intriguing paradox: How can genuine religious joy depend on something as physical as wine? In contrast to most spiritual traditions that emphasize transcending material pleasures, the Torah desires that the celebration of the festivals must penetrate even the flesh of the heart.[2]

Judaism does not merely grant permission to enjoy physical pleasure alongside spiritual elevation. According to Jewish Law, without wine, we haven't properly fulfilled the *mitzvah* of rejoicing.[3] The Alter Rebbe[4] goes so far as to rule that drinking wine on festivals is a Scriptural obligation. In other words, physicality isn't incidental to spiritual joy but essential to it.

Most of us compartmentalize our lives into spiritual moments (prayer, study, acts of kindness) and physical pleasures (good food, celebration, entertainment). When we view these as separate realms, we naturally gravitate toward physical pleasures because they offer more immediate and tangible satisfaction. This creates a spiritual problem – our pursuit of happiness consistently pulls us away from G-d rather than toward Him. We might feel guilty about enjoying material things too much, or conversely, worry that spiritual pursuits lack the vibrancy of worldly pleasures. The festival of Sukkos, known as "the season of our rejoicing," challenges the very basis of this divide.

The joy of Sukkos fuses the physical and the spiritual, highlighting the profound unity at the heart of Jewish spirituality – one that transforms our understanding of both joy and Divine service.

---

1. *Devarim* 16:14.

2. As it is written (*Tehillim* 104:15).

3. See *Pesachim* 109a.

4. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 529:7.

# Days of Rejoicing

## "Wine that Gladdens the Heart"[1]

**1.** We are commanded,[2] **"You shall rejoice on your festival." This joy must be manifest not only in spiritual** matters, **but must also penetrate and permeate the physical heart. The joy** of the festival **should be felt even in the actual flesh of the heart.**

**This is why** our Sages[3] ruled, **"There is no joy except with meat and there is no joy except with wine" – physical entities – because the** festive **joy must be felt also physically.**

**In the era of the *Beis HaMikdash*, the primary** expression of festive **joy was through** partaking of sacrificial **meat, the meat of the peace offerings. Today, in the era of exile, when such joy cannot be experienced, the** expression of **joy has been transferred to** drinking **wine.**

**In his *Shulchan Aruch*, the Laws of Festivals,**[4] **the Alter Rebbe implies that, in our time, "There is no joy except with wine" is a Scriptural obligation, because we can no longer** partake of **the meat of the peace offerings. In other words, in addition to the obligation of *Kiddush*, which exists also on *Shabbos* and Rosh HaShanah,**[5] **there is the obligation to drink wine, because in our era,**

א. אויף יוֹם טוֹב שְׁטֵייט, וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, וואָס די שִׂמְחָה דאַרְף זַיְין נִיט נָאר אִין רוּחְנִיּוּת נָאר זִי דאַרְף דֶערְנֶעמֶען אוֹיךְ דֶעם לֵב הַגַּשְׁמִי, אַז אִין בְּשַׂר לֵב הַגַּשְׁמִי זָאל זִיךְ פִילְן שִׂמְחָה.

וואָס דֶערְפַאר אִיז אֵין שִׂמְחָה אֶלָּא בְּבָשָׂר וְאֵין שִׂמְחָה אֶלָּא בְּיַיִן[נה], דְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים, וַוייל די שִׂמְחָה דאַרְף זִיךְ פִילְן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת.

בִּזְמַן הַבַּיִת אִיז גֶעוועֶן דֶער עִיקַר הַשִּׂמְחָה דוּרְךְ בָּשָׂר, דוּרְךְ דֶעם בְּשַׂר הַשְּׁלָמִים; הַיְינְט, בִּזְמַן הַגָּלוּת, וואָס די דָאזִיקֶע שִׂמְחָה הָאט זִיךְ גֶעפֶעלְט, הָאט זִיךְ די שִׂמְחָה אִיבֶּערְגֶעטְרָאגְן אוֹיף יַיִן. אִין דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'נְס שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת יוֹם טוֹב[נו] אִיז מַשְׁמַע, אַז בִּזְמַן הַזֶּה אִיז דֶער אֵין שִׂמְחָה אֶלָּא בְּיַיִן אַ דְאוֹרַיְיתָא, וואָרוּם עֶס אִיז נִיטָא דֶער בְּשַׂר הַשְּׁלָמִים. דָאס הֵייסְט נוֹסָף אוֹיף דֶעם חִיּוּב פוּן קִידּוּשׁ, וואָס דָאס אִיז דָאךְ דָא אוֹיךְ בְּשַׁבָּת וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה – אִיז פַאראַן דֶער חִיּוּב פוּן טְרִינְקֶען וַויְין, וַוייל בִּזְמַן הַזֶּה אִיז דֶער וְשָׂמַחְתָּ

1. *Tehillim* 104:15.

2. *Devarim* 16:14.

**3. *Pesachim* 109a.**

**4. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 529:7.**

**5.** On these days, there is no Scriptural obligation to rejoice. On *Shabbos,* the rejoicing is subsumed in the loftier obligation of pleasure (see the *Kuntreis Acharon* to the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*, sec. 242, note 2, *Likkutei Sichos,* Vol. 4, p. 1091, and *Likkutei Sichos,* Vol. 33, p. 62ff.). And on Rosh HaShanah, there is no obligation for rejoicing because it is "the Day of Judgment" (see the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 582:10). Nevertheless, there is an obligation to drink wine for *Kiddush.*

As the Alter Rebbe writes (sec. 242:2), although there is no inherent obligation to drink wine and eat meat on *Shabbos,* since most people enjoy these items, those who enjoy drinking wine are required to drink wine in addition to *Kiddush* on *Shabbos* because of the obligation to derive *Shabbos* pleasure.

בְּחַגֶּךָ דורךְ יַיִן דַוְקָא, און אֲפִילוּ בְּחוֹל הַמוֹעֵד.

(משיחת ב׳ דחה"ס, תשט"ז)

the command, **"You shall rejoice in your festival"** is fulfilled **specifically through wine. This applies even on *Chol HaMoed*.**

---

נה) ראה פסחים קט, א.

נו) סימן תקכט סעיף ז.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie